STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11523

PRINTSESIN TSULEYKA

D. M. Hermalin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרינצעסין צולייקא.

בעאַרבייטעט נאָך באָקאַטשיא

פון

ד. מ. הערמאַלין.

פרייז 10 סענט.

דרוק אונד פערלאג פון

דיא היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני,

87-85-83 קאנאל סטריט, ניו יארק.

HEBREW PUBLISHING CO.,

83-85-87 Canal Street, New York.

פרינצעסין צולייקא.

1.

אונזער געשיכטע האט פאסירט צו יענער צייט, ווען דאס קריסטענטהום האט זיך נאָר וואס בעוויזען מיט מעהר קראפט אין אייראָפּא וויא צור צייט פון דער ערשטער יערשיינונג. דאמאלס האט נאך געבליהעט דער אָריענט און דער הימעל האט אַרונטער געשאָטען הויפענס בלומען, פון גליק, צופריעדענהייט און שעהנהייט אויף דיא אָריענטאלישע פעלקער.

דיא סאראצענען אין אָריענט, זיינען געוועזען מעכטיג, גרויס און שטארק, און זייערע מלחמות האבען געשאַפען העלדען, קריעגער און זיעגער. זייער נאמען האט געבילדעט דיא גרויסע וועלט־געשיכטע, און זייערע עראָבערונגען האבען געקלונגען איבער דער ערד.

סולטאן בעמינעדאב האט בעהררשט בבל, דיעזעס אלטע לאנד פון חלומות, לעגענדען, מלחמות און זיסע אָריענטאלישע עראינערונגען. זיין פאלאסט האט געבילדעט א גאָלדענע קרוין אויף איין אייביג־גרינעם בארג און זיין הארעם האט ענטהאלטען דיא שעהנסטע פרוען וואס איין אלסעבטינער מאָנארך האט זיך געקענט פערשאפען.

עס זיינען געוועזען איין אויסוואהל פון פרויען מיט פעך־שווארצע אויגען און הויטען אזוי וויים וויא דער געפאלענער שנעע אין דיא נאָרד־לענדער. אונטער זיין אנצאָהל פרויען, האט סולטאן בעמינאדעב געהאט איינע וואס האט אויסגעזעהען וויא א ווייסע ליליע צווישען א גרופע רויזען. דיעזע ווייסע ליליע, איז געוועזען זיין ליעבסטע, שעהנסטע און געאכטעסטע פרוי.

סולטאן בעמינעדאב אליין, איז געוועזען א הויכער, שטארקער און שעהנער מאן. דיא ווייסע ליליע האט קיין אורזאכע געהאט ניט ליעב צו האבען איהר מאיעסטעטישען מאן. איפערזיכטיג איז זיא אויך ניט געוועזען, וויל זיא האט געוואוסט, אז ער ליעבט איהר מעהר וויא אלע אנדערע. ווען מיר רעדען דאָ פון

אייפערזוכט, זיינען מיר נעצוואונגען אויסצושליעסען דיעזע אייפערזוכט וואס הערשט אונטער אונזערע פרויען. איינע פון אונזערע פרויען, קען אייפערזיכטיג ווערען, ווען זיא זעהט איהר מאן בלויז פריינדליך רעדען מיט א צווייטער. זיא בעהויפטעט, אז איהר מאן איז אויסשליעסליך איהרער אליין, גראדע וויא זיא איז זיינע אליין, און ער האט קיין רעכט צו רעדען אָדער פערקעהרען מיט איין אנדערער. יענע אָריענטאלישע הארעם-פרויען, זיינען אָבער גאנץ אנדערש. זיא ווייסען, אז זייא בילדען א טהייל פון זייער מאן'ס ליעבע, און זייא זיינען גאנץ גוט נעפאסט זייער מאן זאָל פערקעהרען מיט אירגענד איין אנדערע פרוי, אבי ער זאָל זייא אויך ליעב האבען.

אייפערזוכט אונטער זייא ענט'שטעהט נאָר, ווען זייא ערפאהרען, אז זייער מאן ליעבט איין אנדערע מעהר וויא זייא. דיא ווייסע ליליע האט אזא אורזאכע נים געהאט, נאך מעהר, זיא האט געוואוסט, אז דער סולטאן ליעבט זיא מעהר וויא איין אנדערע, און זיא איז געווען זעהר גליקליך, ווייל זיא האט אויך געליעבט דעם שעהנעם סולטאן.

עס איז אלזאָ קיין וואונדער נים, ווען פון אזעלכע צווייא מענשען איז ענט-שטאנדען איין אויפשפרונג, א קינד, וואס האט אין זיך ענטהאלטען דיא שעהנהייט פון דער רויז און דיא ליעבליבקייט פון דער ליליע.

עס איז געווען דער ווייסער ליליע'ס טאָכטער, וועלכע האט געטראגען דעם נאמען צולייקא, און איז געווען אזוי שעהן וויא א טרוים פון ליעבע אין דיא גע-דאנקען פון א יונגעם מעדכען.

צור צייט וואס אונזער געשיכטע פאנגט אָן, האט צולייקא געצעהלט 17 זומערן; 17 מאָל האט זיא שוין דורכגעלעבט דעם אנפאנג פון איהר,: און פון טאָג צו טאָג, האט איהר שעהנהייט געוואקסען און איהר ליעבליבקיים פראָ-גרעסירט.

סולטאן בעמינעדאב איז געווען גליקליך מיט זיין פאמיליען-לעבען, מיט זיין לאנד, מיט זיינע אונטערטהאנען און איבערהויפט מיט זיין שעהנער טאָכטער. אָבער דאס גליק איז גראדע אזוי אונבעשטענדיג וויא דער ווינט; אָט בלאָזט עס פון דער זייט, און אָט האט זיך דאס אנדערש אומגעווענדעט.

אזוי האט עס פאסירט, וואס אין א שעהנעם נאכמיטאג, איז געזעסען דער סולטאן מיט זיין פרוי, דיא ווייסע ליליע און מיט זייער טאָכטער דיא שעהנע צולייקא און איינגעאטהעמט דעם פארפום פון דיא בלומען אין זיין לוסט-גארטען, ווען איינער פון זיינע נענעראלען האט זיך געלאָזט מעלדען.

דער סולטאן האט פערשטאנען, אז דאס איז א וויכטיגע זאך, דען יעדער האט געוואוסט, אז בעמינעדאב האט זיך פיינד געהאט צו שטערען אין דער רוה פון זיין פאמיליען־לעבען. ער האט אלזאָ געהייסען מען זאָל דעם גענעראל זאָפאָרט צולאָזען.

דער גענעראל, זאָנסט זעהר א בראַווער מענש, האט אויסגעזעהען אונגעוועהנליך אויפגערעגט.

„וואס איז געשעהען? רעדט!“ האט דער סולטאן בעפוילען ווערענדיג אונגעדולדיג.

דער גענעראל האט זיך טיעף פערניינט און געענטפערט:

„גרויסער און מעכטיגער סולטאן! מען האט מיר געבראַכט דיא נאַכריכט, אז אלע אראַבער האבען זיך פעראייניגט און זייא מארשירען מיט א מאכט פון 500 סאָלדאטען, אלע גוט בעוואפענט, געגען דיין לאַנד. אונזער ארמעע איז ניט גענוג גרויס דיעזע מאכט צו בעזיעגען.“

דער סולטאן האט זיך אויפגעהויבען, געהייסען זיין פרוי און טאָכטער זיך צוריק ציהען אין זייערע צימערן, און דאַן האט ער געלאָזט רופען דעם גרויס־וויזיער און דיא אנדערע מיניסטאָרען אום זיך צו בעראטהען וואס עס איז צו טהון. אלע זיינען געווען זעהר פערצווייפעלט, און עס האט שטאטגעפונדען א לאַנגע בעראטהונג. ענדליך האט מען בעשלאָסען, דאס דער סולטאן זאָל אָבשיקען שליחים צום קעניג פון אלגראַווע און בעטען זיין היל.

דער קעניג פון אלגראַווע איז ניט געווען דעם סולטאן קיין גוטער פריינד, אָבער דער סולטאן האט איהם ערשטענס ערקלערט, אז א געפאהר פיר בבל איז אויך א געפאהר פיר אלגראַווע, דאס דיא אראבער טאָרען ניט זיעגען, און דאַן, איבערהויפט, האט בעמינעדאב געבעטען דעם קעניג אום פערצייהונג פיר דער פערגאַנגענהייט.

דערווייל האט בעמינעדאב געזאַמעלט זיין ארמעע און זיך געמאכט קריעגס־פערטיג. ווען דיא אראבער האבען אָנגעפאַנגען דיא מלחמה, זיינען אויך ערשיענען עטליכע שיפען מיט מיליטער פון אלגראַווע, און שפּעטער דער קעניג אליין, און מיט דיעזער פעראייניגטער מאכט, האט בעמינעדאב געשלאגען דעם שונא און איהם פערטריעבען.

דער קעניג פון אלגראַווע איז נאָך געווען א יונגער מענש און ער האט געשלאָסען א פריינדשאפטליכען בונד מיט דעם סולטאן. דער לעטצטער האט איהם

געוואָלט נעבען טהייערע פּרעזענטען, אָבער דער קעניג האט ניט געוואָלט אָנ־נעהמען. דאס שעהנסטע און דאס בעסטע וואס ער האט געוואָלט, איז געווען צו ווערען דעם סולטאן'ס איידעם און דיא שעהנע צולייקא זאָל ווערען זיין פרוי.

ניט נאָר דער סולטאן, זאָנדערן אויך צולייקא זעלבסט, האט איינגעשטימט צו דיעזער פעראיינינונג. אָבער, נאטירליך, אזוי מיר־ניט־דיר־ניט אוועק געהמען צולייקא'ן, האט ניט געפּאסט, און דער סולטאן האט פערשפּראָכען דעם קעניג, אז צולייקא וועט צו איהם קומען אזוי שנעל וויא מעגליך און וויא עס פּאסט פאַר א פּרינצעסין, דיא טאָכטער פון א מעכטיגען סולטאן.

דער קעניג האט דיעזען פּאָרשלאָג אקצעפּטירט און איז אהיים גע־פאָהרען.

2.

סולטאן בעטינעדאב איז געווען ריין, זעהר רייך, און אייסער דעם וואס ער איז גלאט צופריעדען געווען מיט דעם שידוך, האט ער געוואָלט זיין צוקינפטיגער איידעם זאָל עמפּפאַנגען זיין טאָכטער וויא עס פּאסט פיר דעם קעניג פון אלגראווע און פיר דעם סולטאן פון בבל.

צו דיעזען צוועק האט ער אויסגעשטאטעט א הערליכע גרויסע שיף, מיט מילימער, קאמער־דיענער, קאמער־פרויען און געזעלשאפטס־דאמען. דערצו האט ער מיטגעגעבען הערליכע קליידער, גרויסע און טייערע פּרעזענטען, און האט אָב־געשיקט זיין טאָכטער צו זיין פריינד דעם קעניג פון אלגראווע.

דאס פּאָק האט בעגלייטעט דיא שעהנע און ליעבליכע פּרינצעסין מיט גליקס־ווינשע און בעדויערן ווארום זיא פערלאָזט זייער לאנד, און אונטערדעסען איז יעדער געווען צופריעדען וואס זיא וועט זיין גליקליך בייא אזא מעכטיגען קעניג.

וויא דיא מאטראָזען האבען געזעהן א גינסטיגען ווינט, האבען זייא אויפגע־שטעלט דיא זעגלען און אָנגעפאנגען זייער רייזע. דער נעכסטער ציעל איז געווען אלעקסאנדריא. אזוי זיינען פאַראיבער עטליכע טעג אויף'ן מעער אין גליקליכער צופריעדענהייט, און דיא שיף איז פארבייא געפאָהרען נעבען סארדינא אהנע אירגענד וועלכע בעזונדערע צופאל.

ווען יעדער האט זיך שוין גערעכענט באלד ביים ציעל פון דער רייזע, איז פּלוצלינג ענטשטאנדען א קרייץ־שטורמווינט און אויפגעקאכט דעם ים. דיא

כוואַלעס האבען געוווטהעט און געשטורמט און יעדעס מאָל אלץ גרעסער און העכער געוואַקסען, ביז זייא האבען אויסגעזעהען וויא ריעזיגע בערג, וואס זיינען בער רייט ארויף צו פאַלען אויף דער שיף און ארונטער דריקען ביז צום תהום.

אָבער סולטאַן בעמינעדאַב איז געוועזן זעהר א פּראַקטישער מענש און ער האט געשיקט איינע פון זיינע בעסטע שיפען, וואס זאָל קענען ווידערשטעהען א גרויסען שטורם.

דער קאַמפּף מיט דעם שטורם און אויפגערעגטען מעער, האט געדויערט 48 שטונדען דורכאנאנד, ביז דיא מאַטראָזען זיינען אזוי אויסגעמאַטערט געוואָרען, דאס זייא האבען שוין מעהר ניט געקענט קעמפּפען.

דער קאַפּיטאַן האט געוואָרפען א פינסטערן בליק איבער דעם אויפגע־רעגטען ים, צוריק געקוקט אויף זיינע פּאַסאַזשירען, און טרויעריג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. אונטערדעסען האט דער בראַווער מאַן ניט אויפגעגעבען קיין האָפנונג און ערמוטהיגט זיינע מאַטראָזען אָנצו־ווענדען אלע זייערע מעגליכקייטען און רעטען זיך און אנדערע פון אונטערגאַנג.

דיא העלדישע מענער האבען אָנגעשטרענגט זייערע לעצטע קרעפטען און איבער־א־נייעס אויפגענומען דעם קאַמפּף.

דער דריטער טאָג איז ערשיענען, פינסטער און טרויעריג. דער הימעל איז געווען פערצויגען מיט א שווארצען שלייער און צו דעם שטורם איז אויך געקומען א שלאַגס־רעגען. דאַן האט דער קאַפּיטאַן פערלוירען זיין וועג, און זיך אָבגעלאָזט צום שיקזאל, עס זאָל איהם פיהרען וואו עס איז.

ער האט געבליקט אויף זיינע האַלב־טויטע מאַטראָזען, און זייא געזאגט, זייא זאָלען בלויז האַלטען דיא זעגלען אין אָרדנונג, זאָנסט זאָלען זייא לאָזען דעם ווינט זייא פיהרען וואוהין ער וויל.

איידער עס איז נאַכט געוואָרען, האבען א פּאָאר מאַטראָזען ערבליקט פון וויטען א האפען. עס איז געווען דיא אינזעל מאַדשאָרקאַ, נאָר קיינער האט ניט געוואוסט וואס דאס איז. אין דיעזעלבער צייט, האט מען ענטדעקט, צו אַלעמענ'ס שרעקען, דאס דיא שיף האט געקריגען א לאָך, און עס קען ניט פיעל געדויערן ביז זיא זאָל אונטערגעהען.

דיעזע נאַכריכט האט ארויסגערופען יענע בעקאַנטע טויט־שרעקען וואס זיינען בעוואוסט אונטער מענשען אויפ'ן ים, ווען זייא זעהען דעם טויט פאר זיך.

פריינד, קאמעראד און געליעבטער, הערט אויף צו שפּיעלען א ראָלע אין אזא צושטאַנד, ווען יעדער דענקט נאָר פאר זיך אליין אום רעטונג. יעדער מענש ווערט דאמאלס א ווילדהעגדע חיה און איז בערייט צו שטעכען און קוילען זיין בעסטען פריינד וואס וויל שטערען זיין רעטונג.

אויף דיעזער ארט, האט מען ארונטער געלאָזט א רעטונגס־שיפעל, און דיא מאטראָזען האבען בעשלאסען צו צורודערן ביז צום נעבסטען האפען וואס זייא האבען בעמערקט ווען עס איז נאך געווען טאָג.

דיא ערשטע וואס זיינען אריינגעשפּרונגען, האבען ארויסגעצויגען מעסערס און ניט צוגעלאָזט קיין אנדערע זאָלען נאכקומען אום ניט צו שווער צו מאכען אין רעטונגס־שיפעל. דאס האט אָבער ניט פיעל געהאָלפען, און אנדערע, אויך מיט מעסערס אין דיא הענד, זיינען נאכגעשפרונגען. איינינע זיינען געהרג׳עט געוואָרען, אָבער דאס שיפעל האט זיך איבערפילט.

זייא זיינען ארויס אין דער פינסטער, אויף דעם ווילדהעגדען ים, און בייא דעם ערשטען צוזאמענשטויס מיט א גרויסער כוואליע, זיינען זייא ארונטער וויא בלייא אין גרונד פון ים.

דיא שיף איז איבערגעבליעבען צו איהר שיקזאל. דער ווינד האט זיא גע־טריעבען און געיאָגט, אָבער קיין איינציגער מאן איז געווען וואס זאָל זאָגאר דיא זעגלען האלטען אין אָרדנונג.

פרינצעסין צוליקא אליין מיט איהרע דאמען־בעגלייטער, האבען געמוזט ארויף אויף׳ן פארדעק, ווייל דאס וואסער האט זיך אונטען געזאמעלט, און מיט ווילדע פערצווייפעלטע שרעקען, האבען אלע ערווארטעט זייער טרויעריגען סוף.

וואוהין דער ווינד טרייבט, האט קיינער ניט געוואוסט, אָבער פּלוצלינג האבען זייא דערשפּירט וויא דיא שיף האט זיך שטארק אויפגעהויבען, און דאן האבען זייא געפיהלט א דומפּפען שטויס, און דיא שיף איז געבליעבען שטעהן.

דיא שיף איז ארויף אויף א זאמד־באָדען!

וואס דאס בעדייטעט, האבען דיא דאמען ניט פערשטאנען, נאָר זייא האבען בעגריפען, אז דיא געפאהר פון אונטערגאנג איז פאָרלויפיג פאָראיבער און דיא שיף שטעהט ערגיץ אויף א זיכערן באָדען.

3.

דיא װאהרהײט איז געװעזן, װאס דיא שיף מיט דער שעהנער פרינצעסין, האט זיך געזעטצט אויף א זאמד־באַדען זעהר נאהענט צום ברעג פון דער אינזעל מאזשאַרקא. דיא שטארקע און שװערע שיף האט זיך אזוי גוט געזעטצט, דאס זאָגאר דער פירכטערליכער שטורם האט זיא ניט געקענט ריהרען.

פרינצעסין צוליקא האט צוגעבראכט דיא נאכט מיט איהרע דאמען אין זעהר א טרויעריגען צושטאנד, נאָר װען עס איז טאָג געװאָרען, האט זיך דער שטורם געשטילט, און צולײקא, האלב טויט פאר שרעק און מידקײט, האט געװאגט אויפצוהויבען איהר קאָפּ און אָנגעפאנגען צוזאמען צו רופען איהרע בעגלײטערינס. פיעלע זײנען געװען טויט, נאָר דיא איבעריגע האבען נאך געהאט לעבען אין זיך, אָבער זײא האבען זיך ניט געקענט ריהרען. דיא ארמע פרינצעסין איז געװען אויסער זיך פאר שרעק און פערצװײפלונג.

אָבער דיא נויט איז א גוטער לעהרער, און ניט האבענדיג קײן אנדערע ברירה, האט זיא אָנגעפאנגען צו דערמינטערן װעמען זיא האט געקענט, און אלעם װאס דיא דאמען האבען איהר געקענט העלפען, איז געװען, צו װײנען מיט איהר צוזאמען.

דאן האבען זײא זיך אװעק געזעטצט בליקענדיג צו דער יבשה און ערװאַר־טעט הילפע.

עס איז שוין באלד געװען אום מיטאג־צײט, װען א הערר, מיט דעם נאמען פעריקאָנע דא װיסאלגאַ, איז פארבײ געפאהרען נעבען האפען, רײטענדיג אויף א פערד צוזאמען מיט אײניגע דיענער װאס האבען איהם בעגלײטעט.

ער האט זיך אָבגעשטעלט נעבען האפען, װען ער האט ערבליקט דיא שיף. ער האט זאָפאָרט פערשטאנען װאס עס האט פאסירט, און אָהנע פיעל צו װארטען, האט ער געשאפט א פאאר שיפלעך פון נעבען האפען און ארויף געשיקט זײנע דיענער אום נאכצוזעהען װאס עס איז צו טהון.

דיא דיענער האבען געזעהן דיא שרעקליכע צערשטערונג און זיך געװאונדערט װארום דאמען אלײן זײנען דאָרט דאָ.

„און װאו זײנען דיא מאטראָזען ?“ האט אײנער געפרעגט.

פרינצעסין צוליקא מיט איהרע בעגלײטערינס, האבען זײן שפראכע ניט פערשטאנען, און אנשטאט אײן ענטפער, האבען זײא געװײנט און געבעטען אום

גנאדע אין זייערע שפראכע, וואס דיא דיענער האבען ניט פערשטאנען. דיא דיענער האבען זיך אונטערדעסען געמערקט, אז דיא דאמען פערלאנגען הילפע.

נאכדעם וויא זייא האבען אלעס בעטראכטעט, האבען זייא צוריק געקעהרט צו פעריקאנע און איהם מיטגעטהיילט וואס זייא האבען ערפאהרען. פעריקאנע האט ניט פיעל געטראכט און געהייסען ארונטער ברענגען דיא דאמען. אין דער־זעלבער צייט האט ער ניט פערגעסען צו הייסען מיטנעהמען אלע קאסטבארע זאכען וואס מען וועט געפינען אויף דער שיף.

צוערשט האט מען אריבער געבראכט דיא פרויען, דאן דיא זאכען, און פע־ריקאנע האט דאס אלעס אוועק געפיהרט אין זיין פאלאסט, וואו ער האט, פאר אלעמען, ערפרישט דיא דאמען מיט שפייז און זייא געהייסען זיך אויס־רוהען.

פעריקאנע, אבוואהל ער האט ניט פערשטאנען זייער שפראך, האט ער זיך געמערקט, אז דיא שעהנסטע פון אלע, איז אויך רייכער געקליידעט און אלע איבריגע געבען איהר אב ספעציעלע עהרע. ער האט דערפון געאורטהיילט, אז דיעזע מוז געווים זיין א בעזאנדערע פערזאן.

דערווייל האט ער אבגעגעבען דיא דאמען א בעזאנדערעס גראסעס צימער, וואוהין זייא האבען זיך צוריק געצויגען און דארט פערבליעבען ביז צום אנדערן פריה־מארגען.

ווען צולייקא איז ווידער ערשיענען, ערפרישט און אויסגערוהט, האט איהר שעהנהייט ערשטוינט פעריקאנע'ן. ער האט זיך אין איהר זאפארט פערליעבט. אין ריעזער בעציהונג, האט ער געהאט גאנץ עהרליכע אבזיכטען, און אזוי וויא ער איז ניט געוועזען פערהייראטהעט, האט ער בעאבזיכטיגט מיט איהר חתונה צו האבען.

אונטערדעסען האט ער אויך בעשלאסען, דאס אין פאל זיא וועט ניט וועלען ווערען זיין פרוי, זאל ער זיא וועניגסטענס צווינגען צו ערפיללען זיין וואונש.

פעריקאנע איז געוועזען א הויכער, שטארקער און זעהר געזונדער מאן. נאכ־דעם וויא ער האט געלאזט דיא פרינצעססין עטליכע טעג זיך ערהאלען, האט אויף צוריק געקעהרט איהר גאנצע פערגאנגענע ליעבליכקייט, און זיין ליעבע צו איהר האט נאך מעהר געשטיגען.

ער האט איינינע מאָל מיט איהר פּראָבירט צו רעדען, נאָר עס איז אונ־מעגליך געווען מיט איהר זיך איינצופערשטעהען, ווייל זייערע ביידע שפּראַכען האבען נאר קיין עהנליכקייט געהאט. דאס האט איהם זעהר נעקריינקט, וואס ער איז ניט אימשטאנדע אויסצוגעפינען ווער און וואס זיא איז.

אָבער פעריקאָנע האט געוואוסט פון דעם סוד, אז דיא ליעבע האט איהר בעזונדערע שפּראַכע, וואס איז פערשטענדליך אונטער אלע פעלקער און נאציאָנען. ער האט אלזאָ אָנגעפאנגען אין דיעזער שפּראַכע צו ערקלערען ליעבע צו לייקאַ׳ן.

זיא האט איהם פערשטאנען. נאָר פעריקאָנע האט אויך אייסגעפונען, אז ניט נאָר דיא ליעבע, זאָנדערן דער האס און דיא גלייכגילטיגקייט, האבען אויך א שפּראַכע, און אויף דיעזער שפּראַכע האט איהם צולייקא געענטפערט, אז זיא איז מיט איהם איינפערשטאנען, און ווינשט בעסער ער זאָל בלייבען פון וויטען.

פעריקאָנע, אויף זיינע גיטער און איבער זיין לאנד, איז ער געווען א הערר־שער, איין אבסאָלוטער מאָנארך, און ער האט פאר קיינעם קיין מורא ניט געהאט צו טהון וואס ער וויל.

זעהענדיג, אז דיא פרעמדע שעהנהייט איז מיט איהם אונצופריעדען, איז ער שטארק אין כעס געוואָרען, און געפאסט א בעשלוס, אז ער מוז זיא בעזיטצען, ווען עס זאָל איהם וויא טהייער קאָסטען.

4.

פעריקאָנע האט זיך נים געוואָלט באלד ארויס ציינען בארבאריש און נער־וואלט־טהעטיג. ער האט פאר אלעמען געגעבען צולייקא׳ן צו פערשטעהען אויף׳ן וואונק, אז ער איז דאָרט הערה און הערשער, און ער קען טהון וואס ער וויל.

יא, צולייקא איז אויך קיין נאר נים געווען, און זיא האט איינגעזעהן, אז זיא געפינט זיך אונטער א גאנץ אנדערע נאציאָן, וויא דיעזע וואס זיא האט געקענט פון איהר קינדהייט אָן. דאָ, ווען זיא זאָל אפילו זיין אונטער מענשען וואס פער־שטעהען זיא, וועט עס איהר אויך גאנץ ווייניג העלפען, ווייל זיא איז נים מעהר אין איהרע איינענע הענד.

דיא ארמע פרינצעסין האט געוואוסט, אז פריהער אָדער שפּעטער, ענט־וועדער דורך צוואנגען אָדער מיט׳ן גוטען ווילען, וועט זיא מוזען פאלען אלס אָפּפער פון פעריקאָנע׳ס ליעבעס־געפיהלע.

צולייקא האט אזוי געטראכט:

„דאס אונפערמיידליכע, קען ניט פערמיעדען ווערען, אָבער ווען דאס מוז גע־שעהען, דאן זאָל עס ניט הייסען, אז דיא פּרינצעסין צולייקא, דיא טאָכטער פון סולטאן בעמינעדאב און דיא כלה פון דעם קעניג פון אלגארווע, איז געפאלען, זאָנדערן, עס איז געווען א גאנץ געוועהנליכע פרוי וויא אירגענד איין אנדערע פרוי. דער מענש מוז אימער פאָרזיכטיג זיין און קיינמאָל ניט פערגעסען אן זיין צוקונפט. דעם מענשענס שיקזאל איז וויא דער ווינט, אָט איז אלעס רוהיג און פּלוצלינג ער־שיינט א שטורם. דאס שיקזאל האט מיך געמאכט פון א פּרינצעסין א שקלאַפין, אָבער דאכזעלבע שיקזאל, קען מיך ווידער מאכען פון שקלאפען א פּרינצעסין.“

זיא האט צוזאמען גערופען איהרע בעגלייטערינס, און זיא מיטגעטהיילט, אז דאָ, אין דיעזען גאָטלאָזען לאנד, דארף זיא ניט זיין פּרינצעסין צולייקא, זאָנדערן איין איינפאכע פרוי וויא אלע אנדערע.

זיא האבען פערשטאנען איהר מיינונג, און אויף איהר וואונש, האבען זייא געשוואוירען ניעמאלס צו ענטדעקען ווער און וואס זיא איז. וויא גוטע און געטרייע פריינדינען האבען זייא בעוויינט זייער טרויעריגעס שיקזאל.

נאך דיעזער סצענע, איז צולייקא שוין געווען גלייכגילטיג צו אלעס וואס עס וועט פאסירען מיט איהר. דאָך איז עס אָבער ניט געלעגען אין איהר ערציהונג און נאטור, זיך אונטערצוגעבען אָהן א קאמפף צו דעם נויטווענדיגען שריט וואס זיא מוז מאכען.

צולייקא איז געווען גענוג שעהן אום אין אירגענד א מענליבער קראפט ארויס צו רופען א פייערדיגע ליעבע. פעריקאָנע האט זיא געליעבט מיט דער הייססטער ליידענשאפט. אָבער זיין ליעבע האט אריבער געשטיגען דיא גרענעצען, דערמיט וואס ער האט זיא געזעהען אימער פאר דיא אויגען און דאָך האט ער זיא ניט גע־קענט ערדרייכען.

אונטערדעסען איז פעריקאָנע געווען איין עהרענמאן און צופיעל געליעבט צולייקא׳ן, אום איהר צו פעראורזאכען שמערץ דורך ברוטאלער געוואלט. ער האט גאנץ גוט געקענט אויספיהרען זיא צו פערשליעסען מיט זיך אין א צימער און מיט איהר טהון וואס ער וויל, געגען איהר ווילען. ניעמאנד וואָלט איהם געשטערט. אָבער ער האט דאס ניט געוואָלט.

פעריקאָנע האט אָנגעהויבען צו ענטווארפען פּלענער וויא אזוי זיא צו פער־נארען אין זיין נעטץ אויף א רוהיגער ארט. ער האט פיעל געדענקט און אין

ענדליך געפאלען אויף א פּלאַן. ער האט בעמערקט, אז צולייקא האט זעהר ליעב וויין, איבערהויפּט צום עסען. ער האט אלזאָ בעשלאָסען, אז דער וויין מוז זיין דאס איינציגע מיטעל אום זיין ציעל צו עררייכען.

צו דיעזען צוועק האט ער אנפאנגס, אום זיא צו בערוהיגען, אויפגעהערט עטליכע טעג דורכאנאנד איהר צו ערקלערען ליעבע. ער האט זיך בלויז געוויזען פריינדליך און צערטליך, און דאס איז איהר געפעלען געוואָרען, דען דאס האט געוואונען איהר צוטרויען, און זיא האט זיך ערלויבט צו שמייכלען אין זיין געגענוווארט.

דאַן האט ער בעשטעלט א ספּעציעלען גוטען און געשמאקען נאַכטמאָהל, זיא איינלאַדענדיג צו עסען מיט איהם. ער האט פאָרבערייטעט זעהר איין אלטען און שטארקען וויין, וועלכער, וועהרענד דעם טרינקען, האט ער אויסגעזעהען גאנץ אונשעדליך. אָבער אביסעל שפּעטער, האט ער ארויס גערופען א גרויסע ווירקונג.

צולייקא האט קיין פערדאכט געהאט, און זיא האט געגעסען מיט א גוטען אפּעטיט דיא געשמאקע שפּייזען, און געטרונקען גלאָז נאך גלאָז פון דעם וויין וואס פעריקאָנע האט איהר דערלאנגט.

דיא געפּעפּערטע און געזאלצענע שפּייזען האבען איהר דאָרשט אונגעוועהנליך פערגרעסערט, און אזוי וויא קיין וואסער איז ניט געווען אויף'ן טיש, האט זיא געטרונקען דעם וויין. אנפאנגס האט זיא קיין איינציגען פערדאכט געהאט, נאָר שפּעטער, ווען זיא האט שוין יא עפּעס געמערקט, איז זיא שוין געווען אונטער דעם איינפלוס פון דעם געטרונקענעם וויין, און זיא האט מעהר גאר ניט געוואוסט וואס עס טהוט זיך מיט איהר, מיט דער אויסנאהמע פון דעם אינסטינקטיווען וואונש צו לעשען דעם דאָרשט.

דער וויין האט געמאכט זיין געוווּנשטע ווירקונג. פּרינצעסין צולייקא האט פּלוצלינג פערגעסען אן איהר געגענוועהרטיגען טרויעריגען צושטאנד, זיא איז זעהר פרעהליך געוואָרען, און מונטער געלאכט.

פעריקאָנע האט געהייסען זיין דיענער ברענגען נאך וויין און צולייקא האט ווייטער געטרונקען. דאַן האט ער געלאָזט אריינפיהרען עטליכע פרויען, וועלכע האבען פאַר זייא געטאנצט לויט דעם מנהג פון דער אינזעל מאזשאָרקא. ווען צולייקא האט ערבליקט דיא טאנצענדע פרויען, איז אין איהר אויפגעקאָכט געוואָרען דאס אָריענטאלישע בלוט, און זיך אויפהייבענדיג, האט זיא אויך געוואָלט טאנצען, נאָר זיא האט ניט געקענט שטעהען אויף דיא פיס.

פעריקאַנע האט זיא לאַנגזאם צוריק געזעצט און איהר געגנבען נאך וויין צום טרינקען. דער אונטערהאלט האט אַנגעהאַלטען ביז שפעט אין דער נאכט, ביז פעריקאַנע איז ווידער געבליבען אליין מיט צולייקא'ן. דאַן, אין איהר בעזויפענעם צושטאנד, האט זיא געזונגען און זיך זעהר געפרייט.

פלוצלינג האט זיא זיך אויפגעהויבען, און מיט א טונטערן געלעכטער, האט זיא געוואונשען פעריקאַנע'ן „גוטע נאכט" אויף איהר לשון, וועלכעס ער האט אונטערדעסען פערשטאַנען.

וועלענדיג געהען אין איהר צימער, האט זיא ניט געקענט. דאס האט זיא אמוזירט און זיא האט געלאַכט.

פעריקאַנע האט זיך געזעהען נאָהענט צו זיין ציעל און ער האט זיא גע־פיהרט. זיא האט איהם ערלויבט. ווען זיא איז אריינגעקומען אין איהר צימער, האט זיא פערלוירען איהר שאַנדע פאר דעם מאַן, און גלייך וויא ער וואָלט געווען איינע פון איהרע קאַמער־פרויען, אזוי האט זיא זיך מיט איהם געשפּאַסט, ער זאָל איהר העלפען אויסציהען איהרע קליידער.

ער האט דאס געטהאַן מיט פערגניגען. דאַן האט ער זיא אומארמט, זיא געקושט מיט דעם גאַנצען פייער פון זיין ליעבע, און צולייקא האט קיין ווידער־שטאַנד געלייסטעט.

5.

אויף'ן אנדערן מאָרגען, האט צולייקא בעגריפען וואס עס איז געשעהען. זיא האט געוויינט. אָבער וואס וועלען אָדער קענען העלפען טרערען! איבריגענס, נאָך אַלעמען, האט זיא זיך געזעהן געליעבט פון א שעהנעם און שטאַרקען מאַן, וועלכער איז וואָהלהאבענד, און זיא האט בערעכענט, אז דאס אונגליק איז ניט גע־פעהרליך.

דאַן האט זיא אויך אָנגעהויבען צו שפּירען א נייגונג צו דיעזען מאַן, און וויא וויים עס איז מעגליך פאר א פרינצעסין צו זיין גליקליך אונטער אַזעלכע אומ־שטענדען, איז זיא געווען.

אזוי זיינען פאַראיבער א פּאאר מאָנאט, און צולייקא האט זיך צוגעוואָהנט צו דיעזען לעבען, און זיך געטראַכט, דאס ווען עס מוז אזוי זיין, איז זיא גאַנץ צו־פריעדען. פעריקאַנע איז געווען צערטליך, ליעבענד און טרייא, און צולייקא האט איהם דערפאר אויך געליעבט.

אָבער דיא אונבעשטענדינקייט פון דעם גליק און דאס שיקזאל, איז נאָך קיינמאָל ניט געבליעבען שטעהען. דיא מזל־ראָד דרעהט זיך; היינט פערטשעפּעט זיא איינעם, מאָרגען איין אנדערן און דאן א דריטען. עס איז דיא אַלטע געשיכטע פון דער שלאַנג אין גן־עדן.

דאס שיקזאל, וויא עס שיינט, האט בעשטימט צו מאַכען צוויא נייע ווענדונגען: ערשטענס צערברעכען און צערשטערען דיא רוהיגע נעסט פון ליעבע אין פעריקאַנע׳ס הארץ, און צווייטענס נאָך ווייטער צו ערניעדריגען דעם סולטאַנ׳ס טאָכטער. עס איז וואהרשיינליך נאָך ניט גענוג געווען וואס דיא פערנעטערטע פּרינצעסין איז געוואָרען איין איינפאַכע מעטרעסע, ניין, זיא האט בעדארפט ווייטער פאלען.

אונבארמהערציגעס שיקזאל!

פעריקאַנע האט געהאט א ברודער מיט דעם נאָמען מאראַטאַ; א יונגער מאַן פון א יאָהר פינף־און־צוואנציג, אזוי שעהן און פריש וויא א רויז. און ווען ער האט צום ערשטען מאָל ערבליקט צולייקאַ׳ן, האט ער זיך אין איהר שטערבליך פערליעבט.

מאראַטאַ׳ן האט אויסגעוויעזען, אז אין זיין הארץ האט שוין לאַנג געגליהעט א פייער, נאָר צולייקאַ׳ס שעהנהייט און ליעבליכקייט, האט געווירקט וויא א שארפער ווינט דיעזעס פייער אונטערצוצינדען, און עס האט זיך צופלאַקערט אזוי שטארק, אז ער האט געשפּירט דיא פלאַמען איינדרינגענדיג אין יעדעס אבר פון זיין קערפּער.

טראָטץ דעם אַלעמען, האט ער ליעב געהאט זיין ברודער, און ער האט אָנגעווענדעט אַלעס מעגליכע דיעזעס געפיהל צו אונטערדריקען און דערשטיקען. ער האט גאַנץ גוט געוואוסט, אז פעריקאַנע ליעבט צולייקאַ׳ן פון זיין גאַנצער מעגטיגער ברוסט, און דאס האט איהם צוריק געהאַלטען פון ווייטערע שריטע.

יא, עס האט שוין פיעלע מאָל פּאסירט, וואס איין ליעבע האט דערשטיקט דיא צווייטע; אין דיעזען פאַל, וואָלט פיעללייכט אויך דאסזעלבע געווען, נאָר צולייקאַ אליין, וויא עס שיינט, האט ניט געקענט בלייבען גלייכגילטיג צו דער מעגליכער שעהנהייט פון מאראַטאַ׳ן.

מאראַטאַ האט קיין געלעגענהייט געהאט זיך צוזאַמען צו טרעפען מיט צולייקאַ׳ן אין געהיים, און אויף ליעבעס־שפּראַכע איהר ערקלערען זיינע געפיהלע. דערפאַר אָבער האט ער צייטענווייז מיט איהר געקענט וועקסלען א בליק, און ער

האט בעמערקט, אז איזר בליק איז א גאנץ פריינדליכער, און אויף א ליעב־ליכער.

דאס האט אויפגעפלאקערט זיין ליעבעס־פייער אונגעהייער שטארקער און ער האט מעהר ניט געקענט רוהען. ער איז ארומגעגאנגען וויא משוגע טעג און נעכט און ניט געוואוסט וואס אָנצופאנגען.

אין א נאכמיטאג האט ער צום ערשטען מאָל געהאט דיא געלעגענהייט צו בעגעגענען צולייקא'ן איינע אליין אין זיין ברודער'ס גארטען.

זיא האט זיך געשמייכעלט.

מאראטאָ האט נאָך, זייט ער לעבט, אזא פערגניגען און גענוס ניט געהאט, וויא פון דיעזען שמייכעל. ער איז צוגעלאָפען צו צולייקא'ן, זיך געוואָרפען צו איהרע פיס, ערגריפען איהר האנד און דיעזע געקושט מיט זיינע ברענענדע ליפען.

עפּעס האט זיא געמורמעלט, וואס ער האט ניט פערשטאנען, אָבער ער האט זיך געמערקט, אז זיא מיינט, דאס ער מוז פאָרזיכטיג זיין נעגען זיין ברודער. דאן, אָהנע וויטער צו ווארטען, איז זיא פערשוואונדען געוואָרען.

מאראטאָ איז געבליעבען ליעגען אויף דער ערד פערטומעלט און צומישט. ער האט א לאנגע צייט נאכגעדענקט וואס ער קען טהון, און ענדליך האט דער טייפעל פון אייפערזוכט אין איהם געזיעגט איבער דער ברודער־ליעבע.

ער האט געפאסט א שרעקליכען בעשלוס.

זוכענדיג א צווייטע געלעגענהייט זיך צו בעגעגענען מיט צולייקא'ן, האט ער איינגעזעהען, אז דאס איז אונמעגליך, ווייל פעריקאָנע האט זיא געהיט אויף שריט און טריט. אָהנע וויטער צו דענקען, איז בייא איהם געבליעבען ער זאָל דורכ־פיהרען זיין טייפלישען בעשלוס.

6.

אין האפען פון דער אינזעל מאזשאָרקא, איז דאמאלס געווען געאַנקערט א קאָמערץ־שיף, וועלכע האט בעדארפט אָבזעגלען נאך קיארענזא אין רומעליא. דיא פערוואלטער אָדער הערערן פון דיעזער שיף, זיינען געווען צוויא זשענעוואר ונגע מענער, וועלכע האבען שוין געהאט אויפגעצויגען דיא זעגלען, און נאָר געווארט אויף א גינסטיגען ווינט אום אָבצורייזען.

מאראטאָ האט פון דעם געוואוסט, און זייא קענענדיג פערזענליך, איז ער ארונטער געגאנגען צום האפען און זייא מיטגעטהיילט, אז ער בעאבזיכטיגט מיט זייא צו רייזען.

„מיט פערגניגען,“ האט איינער צוגעשטימט.

„אָבער, מיינע העררען,“ האט מאראטאָ ווייטער געזאגט, „איך האב אויך א דאמע מיטצונעהמען.“

„זאל זיא קומען.“

„דאס איז ניט אלעס,“ האט ער געזאגט צענערענד און געהיימניספאָל.

„אָה, מיר פערשטעהן,“ האט דער צווייטער געענטפערט, „עס איז א ליעבעס־פערהעלטניס. שאדעט ניט, מיר וועלען אייך ניט שטערען.“

„אויסער דעם,“ האט מאראטאָ ווייטער געזאגט, „דארף איך פיעללייכט האבען שטיטצע.“

„גוט, גוט, איהר ברענגט נאָר אהער דיא דאמע, און מיר וועלען שוין וויסען וויא צו שיטצען אונזערע פאסאזשירען.“

מאראטאָ האט זייא געגעבען האנד־געלד א היבשע סומע און פערשפראָכען נאָך צווייא מאָל אזוי פיעל צו בעצאָהלען, ווען ער וועט רוהיג דורכמאכען זיין רייזע.

פון דאָרט איז ער אוועק געגאנגען צו איינינע פון זיינע געשוואוירענע פריינדע, און זייא מיטגעטהיילט, אז ער האט בעשלאָסען אויף אירגענד איין ארט אוועק צו רויבען זיין ברודער'ס שעהנע געליעבטע.

דיעזע האבען איינגעשטימט איהם צו העלפען.

נאָך אין דעמזעלבען טאָג זיינען אלע אוועק צו פעריקאָנע'ן, וועלכער האט קיין שום פערדאכט געהאט, און זייא האבען דאָרט געגעסען א גוטען נאכטמאָהל. דאן האבען זייא גענומען אבשיעד, אָבער אנשטאט צו געהען אהיים, זיינען זייא פערבליעבען אין גארטען און געווארט ביז יעדער וועט געהען צו בעט.

אונגעפעהר אום האלבע נאכט, איז מאראטאָ ערשיענען און מיטגערופען זיינע פריינדע. זייא זיינען געגאנגען פאָרזיכטיג און אריין אין פאלאסט. מאראטאָ האט זייא צוגעפיהרט צום צימער וואו ער האט געוואוסט, אז זיין ברודער געפינט זיך מיט דער שעהנער צולייקא.

ער איז געווען דעריעניגער וואס האט געעפענט דיא טהיר צום ערשטען.

פעריקאָנע האט ערוואכט און זיך אומקוקענדיג, האט ער ערבליקט זיין ברודער.

„מאראטאָ!“ האט ער אויסגעשריען, „וואס טהוסטו דאָ?“

מאראטאָ האט ניט געענטפערט.

פעריקאַנע, זעהענדיג נאָך מענער מיט איהם, האט ער געכאַפּט זיין שווערט. אָבער מוראטאַ איז געווען פאר אלעמען פאַרבערייטעט, און נאָך איידער פעריקאַנע האט צייט געהאט זיך גוט אויפצוהייבען פון בעט, האט מוראטאַ'ס שווערט דורכ־געבויערט זיין הארץ.

צולייקא האט געציטערט און געוויינט, און ניט געוואוסט וואס צו טהון. מוראטאַ האט איהר געוויזען, זיא זאָל איהם נאכפאָלגען. אנפאנגס האט זיא גע־צענערט, נאָר ציינענדיג זיין פערבלוטיגטעס שווערט מיט א דראָהונג, האט זיא דאן געשוויעגען, ווען מוראטא האט איהר געהאָלפען זיך אָנציהען, און מורא האבענדיג פאר איהר לעבען, האט זיא שטילשוויינענד נאכגעפאָלגט.

דיא דיענערשאפט האט פון קיין זאך געוואוסט, און מוראטאַ'ן איז געלונגען ארונטער צו ברענגען צולייקאַ'ן צום האפען אונבעמערקט. מען האט פאר דער דאמע מיט מוראטאַ'ן באַלד אָבגעגעבען א בעזונדערע אבטהיילונג.

פּאַרטאַג איז אָנגעקומען א גוטער און פרישער ווינד, דיא מאטראָזען האבען זיך גענומען צו דער ארבייט, און דיא שיף האט גע־ריהרט פון דעם האפען. זיא איז געלאָפען רוהיג איבער דיא גלאטע וועללען פון דעם ים, און מוראטאַ האט זיך געשפּירט זיכער מיט זיין פערגעטערטער געליעבטע.

צולייקא איז אָבער געווען זעהר אונרוהיג. זיא האט ביטער געוויינט אויף איהר טרויעריגעס שיקזאל און זיך ניט געקענט טרייסטען מיט איהר נייעם גע־ליעבטען'ס צערטליכקייט.

7.

וויא פרויען־ליעבע ווערט געוועקט, וויא אזוי פרויען־ליעבע ענטשטעהט, איז דאס איינעס פון דיא מערקווירדיגסטע געהיימניסע אין דער נאטור. איהר קענט זעהען איין פרוי, וועלכע איז בערייט זיך לאָזען לעבעדיג פערברענען, צעררייסען אָדער צושניידען אויף שטיקער, און זיא וועט איהר עהרע, איהר אכטונג פאר זיך זעלבסט, ניט לאָזען פערלעטצען. איין אנדערע ווידער, איז אימשטאנדע איבער־צוגעהען פון איין מאן צום צווייטען, מיט דערזעלבער גלייכגילטיגקייט וויא מען וועקסעלט א מלבוש.

אזעלכע פעללע זיינען שוין בעמערקט געוואָרען בייא צווייא שוועסטער, א צווילינג זאָגאר, וויא איינע האט געוועקסעלט איהרע געליעבטע גלייך מיט איהרע העמדער, און דיא צווייטע האט זיך געקאָזט אומברענגען ווען זיא געדענקט, אז זיא

וועט ניט קענען איבערשטעהען א נסיון און פיעללייכט ווערען אונטרייא אידר מאַן.

צולייקא איז אָהנע צווייפעל ערצויגען געוואָרען געגען שטרענג און איינגע־זויגען מאָראל פון איהר קינדהייט אָן. אלס פרינצעסין האט זיא געוויס געוואוסט וויא זיך זעלבסט צו שעטצען און פערווערטהען איהר עהרע. אָבער דאָך, האט זיא בעזעסען דיא מערקווירדיגע נאטור, וואס דער וועקסעל אין געליעבטע, האט בייא איהר ניט פיעל אויסגעמאכט.

עס איז אמת, זיא איז ניט געבליעבען גלייכגילטיג צום טויט פון איהר ערשטען געליעבטען, אָבער אזוי שנעל וויא מאראטאָ האט אָנגעפאַנגען איהר צו ערקלערען זיין ליעבע, איז זיא וויבער געוואָרען.

ניין, זיא האט זיין שפראכע ניט פערשטאנען, נאָר זיא האט בעגריפען אין זיינע אויגען און בעוועגונגען, אז ער מיינט, דאס ער האט זיין שרעקליכע טהאט בעגאנגען נאָר דערפאר, וויל ער ליעבט זיא מיט דעם גרעסטען פייער דער יוגענד.

לאַנגזאם, לאַנגזאם, האט זיא אָנגעהויבען צו פערגעסען אָן פעריקאָנע׳ן און זיך געטרייסט מיט מאראטאָ׳ן.

דיא פראגע, וואס שפעטער וועט זיין, וואס עס קען וויטער ווערען, האט זיא ניט פיעל בעשעפטיגט, דען, נאָך אלעמען, וואס האט א שוואכעס פרויענצימער געקענט טהון געגען דעם אייזערנעם שיקזאל ?

מאראטאָ איז אלזאָ געוואָרען איהר פריינד און געליעבטער און זיא האט זיך מיט איהם פאָלקאָמען געטרייסט.

אָבער עס איז שוין ניט בעשערט געווען פאר דער אונגליקליכער צולייקא זיא זאָל בלייבען רוהיג. א נייער שטורם האט זיך ערהויבען אין איהר לעבען, און זיא האט בעגעטהיגט אלע איהרע קרעפטען צו בעגעגענען דאס שיקזאל וואס האט זיך דערנעהנטערט.

עס איז איבריג צו ווידערהאָלען, אז אזא שעהנהייט וויא צולייקא, האט זיך נאָר בעדארפט ווייזען פאר א מאן און ער זאָל שוין איבער איהר דענקען און טראכטען.

שעהנהייט אין א פרויענצימער, איז א געוואלטיגע מאגנעטישע קראפט, און נאָר א קינסטלער קען זיך ריהמען מיט דער אייגענשאפט, אז ער בעטראכט א שעהנעם פרויענצימער פון דער קונסט־זייט אליין; דאס הייסט, אז ער בעוואונדערט נאָט׳ס א מייסטערשטיק.

אָבער ניט אַלע מענער זיינען קינסטלער, און אַזוי וויא עס איז אויך ניט בעוויזען געוואָרען, אַז אַלע קינסטלער זיינען גלייכגילטיג צו פרויען־שעהנהייט, מעגען מיר פאָרלויפיג בעמערקען — צור עהרע פון דער קונסט — אַז דיא בעוואונדערונג פון שעהנהייט, אָהנע אַנדערע אינטערעסען, בעלאַנגט צו איין אַלטען מאַן וואס איז אין דערזעלבער צייט א קינסטלער.

נאָר אַזוי וויא דיא צוויא איינגעטהיילטער פון דער שיף, זיינען ניט געווען אַלט און אויך ניט קיין קינסטלער, איז עס אַלזאָ קיין וואונדער ניט, וואס זייא האבען ניט געקענט בעטראַכטען צולייקאַ'ן בלויז פון דער קונסט־זייט.

צו דער מערקווירדיגער שעהנהייט, האט זיא אויך בעזעסען א גראַציעזע בענעהמונג, וויא עס פּאַסט פאַר א פּרינצעסין, און ווער עס האט זיא געזעהען צום ערשטען מאָל, האט גיכער געקענט רעכענען, אַז ער זעהט פאַר זיך א געטליין שוועבענדיג אין דער לופט.

אַלס דיא צוויא יונגע מענער האבען זיא ערבליקט, האט זיך אָנגעצונדען א פייער פון ליידענשאַפט אין זייערע הערצער, און יעדער בעזונדער האט געקלערט און געטראַכט וויא זיא צו בעזיטצען.

פאָרלויפיג, נאַטירליך, האבען זייא נאָך קיין אורזאַכע געהאט צו ווערע אייפערזיכטיג איינער אויף'ן צווייטען, ווייל דיא הויפּט שטערונג איז געלעגען אין מארטאַלאַ'ן, און יעדער האט אַלזאָ נאָר געוואונשען לויז צו ווערען פון איהם.

עס האט ניט פיעל געדויערט, און דיא צוויא יונגע מענער האבען זיך איינער דעם צווייטען מודה געווען אויף זייערע געפיהלע.

דאַמאַלס האבען זייא געהאט איין וואונש און איין ציעל — לויז צו ווערען פון דער שטערונג וואס הינדערט זייא צו בעזיטצען דיא שעהנע פרוי. דיעזע שטערונג איז געווען מאַראַטאַ, און זייא האבען זיך אָנגעפאַנגען צו בערעטהען וויא אַזוי מען קען פון איהם פּטור ווערען.

אָך, דיא נאַרען! זייא האבען ניט געוואוסט, אַז אין דער נאַטור פון מענער קענען ליעגען אַלע גוטע איינגענשאַפטען פון מהילען זיך מיט אירגענד א זאַך וואס מען בעזיטצט, בלויז ניט מיט דער ליעבע פון פרויען!

ווען א מאַן ליעבט א פרוי, וויא גוט און וויא עדעל ער זאָל זיין, וויל ער אימער דיעזע פרוי האבען פאַר זיך אַליין, און עס גיבט ניעמאַנד מעהר אויף דיעזער וועלט, סיי א ברודער אָדער א פריינד, וואס זאָל קענען אויך גענייסען פון דיעזער ליעבע, אָהנע דערביי אַרויס צו רופען דעם טייפעל פון פערדרוס, אייפערזוכט און מאָרד־לוסט.

ניין! קיין מאן וויל טהייכען דיא ליעבע פון א פרוי נאך מיט איין אנדערן מאן!

אונטערדעסען, וויא מיר האבען פריהער געזאגט, איז פאר אלעס, מוראטא געשטאנען אין וועג.

עס איז געוועזן אין א פריה־מארגען, ווען צולייקא איז נאך געשלאפען. מאראטא, ערוואכענדיג, האט ליעבליך געבליקט אין איהר געטטליכעס געזיכט' דאן איז ער ארונטער פון געלעגער, זיך אנגעצויגען, און איז ארויף אויף'ן פארדעק אום צו זעהען וואס דארט טהוט זיך.

עס האט געבלאזען א הערליכער און אנגענעהמער ווינד און דיא שיף האט רוהיג געזעגעלט איבער דיא בלויע וועללען. מאראטא איז געוועזן גליקליך; ער האט געדענקט איבער צולייקא'ן און איהר בילד האט געטאנצט פאר זיין פאנטאזיע.

ער איז געשטאנען פערטראכט, מיט'ן געזיכט צום ים, און גאר ניט געזעהען וואס עס געהט פאר הינטער איהם. גראדע דאמאלס איז צוגעקומען איינער פון דיא יונגע מענער און איהם ערבליקט. א מארד־געדאנק האט זיך אין איהם באלד ערוועקט, און צוגעהענדיג גאנץ פארזיכטיג נעבען איהם, האט ער איהם אנגעכאפט בייא ביידע פיס, און מיט א געוואלטיגען שטויס, האט ער איהם אריינגעשליידערט אין ים.

אלעס איז געשעהען שטיל און רוהיג; דער אונגליקליכער האט קיין געשרייא געגעבען, און איז באלד פערזונקען געווארען אין טיעפען אבגרונד. דארט האט זיך באלד אבגעקיהלט דאס רויזענדע געהירן וואס האט געפלאנט און דורכגעפיהרט א ברודער־מארד, וויא אויך דאס וויטהעגדע הארץ וואס האט אזוי ליידענשאפטליך געליעבט א שעהנע פרינצעסין.

דיא וועללען האבען געהיימניספאל געמורמעלט אזוי וויא פריהער, און זייא האבען ניט דערצעהלט קיינעם דאס געהיימניס פון א פרעכען מארד.

8.

דער צווייטער יונגער איינענטהימער פון דער שיף, האט געוואוסט פון דעם געהיימניס, נאר ער האט געשוויגען.

ווען צולייקא האט ערוואכט, האט זיא געזוכט מאראטא'ן, און איהם ניט געפינענדיג, האט מען אנגעפאנגען צו זוכען אין דער שיף. ערשט דאמאלס האט מען ערקלערט, אז ער איז וואהרשיינליך אריינגעפאלען אין ים.

א שטראָם טרערען האט זיך אויסגעגאָסען פון איהרע אויגען, און זיא האט ביטער געוויינט.

דיא צוויא יונגע מענער האבען זיא אָנגעפאנגען צו טרייסטען. דאס איז אפילו ניט לייכט געווען, אָבער וויפיעל איז דער שיעור צום וויינען? צולייקא האט אזוי לאנג געוויינט ביז זיא האט אויפגעהערט.

גוטע ווערטער, געוועהלטע שפייזען און געשמאקען וויין, האבען איהר דיא יונגע מענער געגעבען וויפיעל זיא האט געקענט פערטראגען, ביז זייא האבען ענדליך געגרייכט דערצו, וואס זיא האט אָנגעפאנגען צו ווערען מונטערער.

דאן האט אָנגעפאנגען א געשפרעך צווישען דיא צוויא מענער, ווער עס זאָל זיא צום ערשטען בעזיטצען.

אנפאנגס האט איינער דעם צווייטען צוגעגעבען, אז ביידע האבען א גלייכעס רעכט צו איהר, אָבער וויא עס איז געקומען צו דער פראגע, ווער עס זאָל געניעסען איהר ערשטע ליעבע, איז באלד ענטשטאנדען דיא אייפערזוכט.

זיא איז געווען צו שעהן, צו צארט און צו ליעבענסווירדיג, אז איינער פון זייא זאָל קענען בייא זיך פועלין, אז זיא איז נאָר געשטעלט געוואָרען צו א מאָמענטא־לען צייט־פערטרייב. יעדער האט אנערקענט דיא טהאטזאכע, אז זיא איז גוט גענוג מיט איהר אָבצולעבען א וועלט וויא מיט א פרוי.

אָבער וואס קען מען טהון? צושניידען אין שטיקער, און יעדען געבען א העלפט, איז אונמעגליך; איינער זאָל דעם צווייטען אָבטרעטען דאס רעכט, קען אויך ניט זיין, און אויף דיעזער ארט איז ענטשטאנדען א שטרייט.

ווען דער שטרייט איז פאָראיבער, אָהנע צו קומען צו א בעשלוס, האט זיך יעדער צוריק געצויגען אין איין אנדערן ווינקעל, דענקענדיג און טראכטענדיג וואס עס איז צו טהון.

עס האט ניט פיעל גענומען, און יעדער האט בייא זיך אויסגעארבייט א פלאן: אָבצושאפען דעם צווייטען פון וועג און בלייבען דער איי.ציגער פיר צולייקא'ן.

אָבער אזוי וויא ביידע האבען געפאסט אזא בעשלוס, איז שוין יעדער בעזונדער געווען אויפמערקזאם איבער דעם צווייטענס בעוועגונגען, און עס איז ענטשטאנדען א גלייכער קאמפף צווישען זיי.

יעדער בעזונדער האט ארויסגעצויגען א שארפעס מעסער, און נאך איידער דיא מאנשאפט פון דער שיף האט זיך געקענט אריינמישען, האבען זייערע מעסערס צושטאָכען זייערע ברוסטען און הערצער.

איינער איז זאָפאָרט טויט געפאַלען, נאָר דער אַנדערער איז געבליעבען לעבען מיט טעדטליכע וואונדען.

צולייקאַ איז ניט געוועזען בלינד ניט צו בעמערקען די אורזאַכע פון דיעזען קאמפף וואס האט געפיהרט צו א פרישער בלוט־פערגיסונג. זיא האט זיך אליין געפלוכט און געשאָלטען איהר שעהנהייט וואס האט געפיהרט צו אזעלכע טרויעריגע רעזולטאטען.

דער פערוואונדעטער איז אויפגעהויבען געוואָרען פון דעם פערבלוטיגטען באָדען און אריינגעטראגען אין זיין קאיוטע. די מאנשאפט האט פאר איהם גע־טהאָן אלעס מעגליכע אום צו לינדערן זיינע שמערצען.

יעדער איינער אָבער פון דער מאנשאפט, איז געוועזען שטארק פערוואונדערט איבער דיעזער פאסירטער טהאט. זייא האבען געקענט זייערע בעלי־בתים, אז זייא זיינען אימער געוועזען די בעסטע גוטע פריינד און ניט געקענט בעגרייפען וואס עס האט זייא געפיהרט צו אזא בלוטיגער טהאט.

דער פערוואונדעטער איז אויפגעפאָדערט געוואָרען צו דערצעהלען די אורזאכע.

ער האט אלעס דערצעהלט.

דיעזע פראָסטע מאטראָזען, איינפאכע און עהרליכע ארבייטער, האבען גע־האט צו הויז פרויען און קינדער, און צולייקא׳ס שעהנהייט האט זייא ניט שטארק אינטערעסירט. אין געגענטהייל, זייא האבען זיא געהאסט פאר איהר שעהנהייט, און ערבליקט אין איהר די מערדערין פון די צוויי יונגע פריינדע.

זייער וואוטה האט אזוי געשטיעגען, דאס ניט פיעל טראכטענדיג, האבען זייא בעשלאָסען זיא צו ערמאָרדען.

עס איז קיין צווייפעל, אז זייא וואָלטען זייער פּלאן דורכגעפיהרט, ערמאָרדעט צולייקא׳ן, זיא אריינגעוואָרפען אין ים, און אויף דיעזער ארט פערשפּארט פיעלע אנדערע ליידען אין דער צוקונפט, אָבער דער פערוואונדעטער האט זיך געוואָרפען צו זייערע פיס, געוויינט און געבעטען זייא זאָלען דאס ניט טהון.

צולייקא איז געבליעבען לעבען.

9.

אין א פאאר טעג ארום איז דיא שיף אנגעקומען אין האפען פון טשיארענזא. דער פערוואונדעטער איז גלייך ארונטער געגומען געוואָרען און געבראכט צו א דאָקטאָר, דיעזער זאָל היילען זיינע וואונדען. אָבער דער פערוואונדעטער האט אויך מיטגענומען צולייקא'ן מיט זיך.

אונטערדעסען זיינען דיא מאטראָזען געצוואונגען געוועזען צו דערצעהלען וואס עס האט פאסירט, ווייל מען האט זייא געפרעגט ווער עס האט אזוי פערוואונדעט זייער בעל־הבית.

דיא נאכריכט האט זיך באלד פערברייטעט איבעראל, און דיא געשיכטע האט געגרייכט ביז צו דיא אויערן פון דעם פרינץ פון מאָרעא. ער האט זיך אויך דאמאלס געפונען אין טשיארענזא, און ער איז געוואָרען שטארק נייגיריג צו זעהען דיזע פרוי, וואס האט געקענט פעראורזאכען מיט איהר שעהנהייט, אזוי פיעל בלוט זאָל פערגאָסען ווערען.

מען בעהויפטעט, אז דעם מענשענס שטרעבען, איז אימער פיר זיין גוטעס. דאס איז ניט וואהר. עס איז איינער פון דיא אלע איינגעוואָרצעלטע ליגענס איבער דעם מענשענס האנדלונגען. א מענש האט וינשע און פערלאנגען — ער ווינשט און פערלאנגט זאכען, וואס איהם דאכט זיך, אז זייא זיינען גוט. עס געבען מענשען, וואס געפינען א וואונש און א פערלאנגען צו געניעסען גיפט; איינער לויפט אין קריעג; איין אנדערער — אָבער צו וואס זאָלען מיר דאָ פיעל אויסרעכענען? עס בלייבט א טהאטזאכע, אז דער מענש שטרעבט צו פיעלע זאכען, וועלכע, ווען ער ערגרייכט זייא, פיהרען זייא איהם צום גרעסטען אונגליק. דער פרינץ פון מאָרעא האט יעטצט אויך געהאט אזא וואונש און שטרעבונג; ער האט געוואָלט זעהען צולייקא'ן, דיא שעהנע פרוי, וועלכע האט געבראכט אזוי פיעל צרות אויף אנדערע.

הלוואי וואָלט ער זיא ניט געזעהען, וואָלט עס פיעל געזונטער געוועזען פאר איהם.

צולייקא האט אונטערדעסען ניט אָבגעטרעטען פון נעבען דעם פערוואונדע־טענ'ס בעט, איהם געפלעגט און געטהאָן אלעס מעגליכע איהם צו לינדערן זיינע שמערצען.

דער פרינץ, מיט איין אויסרייד, אז ער וויל זעהען דעם פערוואונדעטען, וועלכען ער האט געקענט, איז דארט ערשיענען.

צולייקא'ס שעהנהייט האט איבער איהם געמאכט דיזעלבע ווירקונג וויא איבער אלע אנדערע מענער, וועלכע פאנטאזירען בייא טאג און חלום'ען בייא נאכט נאר פון שעהנע פרויען. איהר מאגנעטישע קראפט האט איבער איהם זאָ־ פארט געווירקט, און ער האט זיך אין איהר פערליעבט איבער דיא אויערן.

דער פרינץ האט מעהר ניט געקענט אוועק געהען פון דארט. דעם פער־ וואונדעטענס קרובים האבען דערפון ערפאהרען, און אום קויז צו ווערען פון דער־ יענינער וואס האט פעראורזאכט אלע צרות, האבען זייא פערשפראכען דעם פרינץ איהם נאכצושיקען צולייקא'ן, אזוי שנעל וויא זייא וועלען זיא נאר קענען ארויס נארען פון הויז.

נאך אין דעמזעלבען אבענד, איז צולייקא געבראכט געווארען צום פרינץ פון מארעא.

דער פרינץ האט באלד בעמערקט אין איהרע בענעהמונגען, אז זיא איז ניט קיין געוועהנליכע דאמע, און אזוי וויא ער האט זיך ניט געקענט צוזאמען ריידען מיט איהר, אום אויסצוגעפינען, אז זיא איז א פרינצעסין, האט ער בעשלאָסען, אז זיא מוז געוויס שטאמען פון אדעל.

ער האט זיא געלאזען זיך אויסרוהען, דאן אנציהען אנדערע קליידער, און איהר אויסזעהען האט אויף איהם געמאכט אזא איינדרוק, אז ער איז געוועזען אויסער זיך.

דער פרינץ האט געקריעגען א געוואלטיגען רעספעקט פאר איהר שעהנהייט און פערזאָן. ער האט זיך געגען איהר בענומען וויא א קאוואליער געגען א דאמע פון זיין גראד.

דאן האט ער זיא געבראכט אין זיין פאלאסט, און אויף וויפיעל ער האט זיך געקענט איינפערשטעהען מיט איהר, האט ער איהר געשטעלט דעם אנטראג, ניט זיא זאל ווערען זיין געליעבטע, זאנדערן זיין פרוי.

10.

צולייקא, אלס פרינצעסין, האט גאנץ גוט פערשטאנען וואו זיא געפינט זיך, און זיך זעהענדיג ווידער אין א הערשענדער פאמיליע, האט זיא זיך געפרייט און זיך געטרייסט פאר אלע איהרע צרות וואס זיא האט געהאט.

זייט דער צייט וואס זיא האט שוין אזוי פיעל ארום געוואנדערט, האט זיא זיך שוין געקענט אויסדריקען מיט א פאאר ווערטער, און אויף וויפיעל עס איז איהר מעגליך געוועזן, האט זיא ערקלערט דעם פרינץ, אז זיא געהערט אין זיין אנטראג.

אלס ענטפער, האט ער זיא אומארמט און אבגעפרעסט א קוש אויף איהרע ליפען, וועלכע האבען אויסגעזעהען וויא דיא סאמעט־בלעטער פון א רויז.

דאן האט געפאלגט דיא פעראייניגונג.

עס איז וואהר, דער פרינץ האט זיא געמאכט פאר זיין פרוי און ער האט דערבייא קיין בעטרוג געמיינט, אבער דאך, איז עס איהם אונמעגליך געוועזן מיט איהר צו הייראטהען עפענטליך פאר דער גאנצער וועלט. דיא הייראטה האט אלזא שטאטגעפונדען אין געהיים, דאמיט מען זאל ניט זאגען אויף איהם, אז ער האט געהייראטה מיט א פרוי וואס קיינער קען זיא ניט און וויים נים.

אזוי לעבען, ניט פערהייראטה געזעטצליך פאר דער גאנצער וועלט, איז נאך טירליך קיין עולה ניט, און קיינער האט ניט פראטעסטירט.

צולייקא האט זיך געשפירט פאלקאמען גליקליך. זיא איז ווידער געווארען א פרינצעסין און זיא האט זיך געפפלעגט אזוי גוט וויא נאר מעגליך.

דיא זארגען זיינען פערשוואונדען און זיא האט ליעב בעקומען דעם פרינץ, וועלכער איז אויך געוועזן א גאנץ שעהנער מאן.

אבער צולייקא אליין, אונטער דיא נייע אומשטענדען, האט ווידער אויפגעבליהט, און אויב עס איז מעגליך, עס זאל זיין שעהנער וויא שעהן, דאן איז זיא עס געווארען.

צולייקא׳ס שעהנהייט און בעריהמטהייט האט זיך פערברייטעט איבער דעם גאנצען לאנד, און ווער עס האט זיא איינמאל געזעהען, דער האט זיא מעהר ניט געקענט פערגעסען.

גאנץ רומעליא, האט געשפראכען איבער איהר, און אין יעדען הויז, האט מען נאכדערצעהלט איבער דער צויבערהאפטער אנציהונג פון דיעזער פרוי.

דיא נאכריכט פון איהר שעהנהייט, האט ענדליך געגרייכט ביז צום פירסט פון אטהען. דיעזער איז געווען א יונגער, שעהנער און שטארקער מאן, און אויך א גרויסער פריינד פון זיין שכן, דער פרינץ פון מארעא.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז דער פירסט פון אטהען, האט אנפאנגס קיינע שלעכטע אבזיכטען געהאט; ער איז בלויז בעהערשט געווארען פון א נייגיערינעס געפיהל צו זעהען דיעזע פרוי, איבער וועלכער דיא גאנצע וועלט רעדט.

צו דיעזען צוועק האט ער בעשלאסען צו מאכען זיין שכן א בעזוך. ער האט אויסגעשטאטעט א גוטע געזעלשאפט וואס זאל איהם בעגלייטען און אבגערייזט נאך טשיארענזא. ווען ער איז אהיין אנגעקומען, האט מען איהם זעהר שעהן עמ־פפאנגען מיט אלע זיינע בעגלייטער.

דער פרינץ פון מארעא, האט אונטערדעסען ניט געפונען פאר נעטהיג פאר־צושטעלען צולייקא׳ן פאר דעם פירסט, ווייל זיא האט פאר דער וועלט ניט גע־הייסען זיין פרוי. מיט א פאאר טעג שפעטער אבער, נאכדעם וויא דער פירסט איז אהין געקומען, האבען זייא אנגעפאנגען א געשפרעך איבער צולייקא׳ן.

„איז זיא ווירקליך אזוי שעהן וויא מען בעהויפטעט?“ האט דער פירסט געפרעגט.

„פיעל שעהנער.“

„איך פערשטעה ניט וואס איהר מיינט?“

„איך מיין אייגענטליך,“ האט דער פרינץ גענטפערט, „אז דיא מענשליכע שפראך בעזיטצט ניט גענוג קראפט אום אויסצודריקען אויף וויא ווייט זיא איז שעהן אין דער ווירקליכקייט.“

„איז דאס וואהר?“

„איך וועל דיעזע פראגע ניט בעענטפערן, זאנדערן זיא פארפיהרען און איהר זאלט אליין אורטהיילען.“

זייא זיינען אוועק אין פאלאסט וואו דער פרינץ האט געהאלטען צולייקא׳ן, און דארט איז דיא פרינצעסין פארגעשטעלט געווארען.

ביים ערשטען אנבליק, איז דער פירסט געבליעבען שפראכלאז. דאס איז וואהר, מענשען קענען אין ווערטער ווירקליך ניט בעצייכענען אזא וואונדער־בארע שעהנהייט. אבער אום זיין פריינד זאל זיך ניט מערקען זיין פערווירונג, האט ער באלד מוטה געפאסט און אנגעפאנגען צו רעדען צו צולייקא׳ן.

ק

דאַן האָט איהם דער פרינץ ערקלערט, אַז צו זיין בעדויערן, קען זיא ניט דיעזע שפּראַכע.

דער פירסט האָט אויף איהר געקוקט וויא אויף איין אונשטערבליכע געמטין; ער האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז אַ פּרויענצימער קען זיין אַזוי שעהן.

דער איינדרוק איז אויף דעם יונגען פירסט געוועזען שמערצהאַפט; ער האָט געשפּירט, אַז זיא פערווירט איהם און רויבט אַוועק זיין הארץ. ער האָט דאַס געוואָלט אויסמיידען, דאַמיט עס זאָל ניט הייסען, אַז ער געלוסט צו דער פרוי פון זיין פריינד. אָבער געגען אַזעלכע געפיהלע צו קעמפּפען, איז אומזיסטע מיה, און וועלכענדיג אָדער ניט וועלענדיג, האָט זיך דער פירסט פערליעבט אין דער שעהנער צולייקאַ.

11.

זייא האָבען דאָרט פערבראַכט אַ פּאָאַר שטונדען צוזאַמען מיט צולייקאַ'ן. דאָרט וואו צולייקאַ האָט זיך ניט געקענט אויסדריקען אין ווערטער, האָט זיך אָבּגעשפּיעגעלט אַ שמייכעלע אויף איהר הערצליכען מויל, און דיעזער איז געוועזען אַזוי זיס, אַזוי ווירקענד, אַז ער האָט געדרונגען טיעף אין פירסט'ס ברוסט.

ווען זייא זיינען פון דאָרט אַוועק, האָט דער פירסט פיעל נאָכגעדענקט דאַריבער, און ניט קענענדיג קומען צו איין אַנדערען בעשלוס, האָט ער געמוזט צוגעבען, אַז דער פרינץ איז דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט, ווען ער האָט אַזאַ שעהנהייט צו זיין פערגניגען.

אַזוי זיינען פאָראיבער פיעלע שטונדען, און אין דעם פירסט האָבען געקעמפּפט צוויא עלעמענטען: דאָס געפיהל פון עהרע און דאָס געפיהל פון ברענענדער ליעבע.

עהרע שטעלט מען אפילו אַוועק פריהער פאַר ליעבע, אָבער דאָס איז נאָר טהעאָרעטיש, אין דער פּראַקטישער וועלט קומט ליעבע פריהער פאַר אַלעמען.

נאָך אַ שווערען קאַמפּף מיט זיך זעלבסט, האָט דיא ליידענשאַפטליכע ליעבע אין דעם פירסט געזיעגט, און ער האָט בעשלאָסען, עס זאָל געשעהען וואָס עס וויל זיך — ער מוז בעזיטצען דיא וואונדערבאַרע שעהנהייט, אונטער אירגענד אַ בעדינגונג!

מאנכע פילאָזאָפען האבען ניט אָבגעשילדערט דיא עדעלע געפיהלע וואס ענטשטעהען און בילדען זיך אויס דורך ליעבע. זייא האבען אָבער ליידער, אין פיעלע בעציהונגען פערפעהלט פאר אונז צו שילדערן דיא בעסטיע אין מענשען־געשטאלט, וואס ביקדעט זיך אויס דורך דערזעלבער ליעבע.

דער מאן, אום צו ערךייכען דעם געגענשטאנד פון זיין ליעבעס־ציעל, ווערט ער א וויטהענדעס טהיער, בלוט־דורסטיג וויא דער טיגער און עהרענלאָז וויא דער פוקס. קיין זאך איז איהם דאמאלס צו הייליג און טהייער, אום דיעזען ציעל צו ערךייכען.

עס ווערט דערצעהלט א וואונדערבארע געשיכטע פון א שעהנער פרוי, אין וועלכער עס האט זיך פערליעבט א יונגער מאן. דיא שעהנע פרוי, וויא עס שיינט, האט דיא ליעבע ניט ערווידערט און איז געווען זעהר אונצופריעדען מיט דעם יונגען מאן'ס ליעבעס־ערקלערונגען. אין א טאג, אום פטור צו ווערען פון איהם, האט זיא איהם געפרעגט:

„ליעבסטו מיך ווירקליך?"

„נאך מעהר וויא מיין לעבען!" האט ער געענטפערט אויפריכטיג.

„גיבט נאך יעמאנד וועמען דוא ליעבסט?"

„יא."

„ווער?"

„מיין מוטער."

„וואָרסטו אימשטאנדע געווען צו אָפפערן דיין מוטער פיר מיין ליעבע?"

דער ליידענשאפטליכער פערליעבטער האט איינינע אויגענבליקען נאכגעדענקט, און דאן האט ער געענטפערט:

„יא, איך בין אימשטאנדע!"

„דאן," האט דיא קאָקעטקע געזאגט, „געה אהיים, און ברענג דיין מוטער'ס הארץ."

דיא שעהנע פרוי האט נאָר געמיינט דערמיט פון זיך צו פערטרייבען דעם צודרינגליכען פערליעבטען, אָבער ער, וועלכער האט פון קיין חכמות ניט געוואוסט, איז ווירקליך אוועק אהיים, געמאָרדעט זיין מוטער און געבראכט איהר צאפלענדעס הארץ צו זיין געליעבטער.

מיר האבען דאס נאָר אָבגעשילדערט, אום צו בעווייזען וויפיעל א מאן איז אימשטאנדע צו טהון, אום זיין ליעבעס־ציעל צו ערךייכען.

דאס זעלבע איז געווען מיט דעם פירסט פון אטהען. ער האט ביז דאמאלס געליעבט דעם פרינץ פון מארעא, אלס זיין יוגענד־פריינד, שכן און קאמעראד, נאך זייט דער וואונש איז אין איהם ענטשטאנדען צו בעזיטצען צולייקא'ן, איז יעדעס אנדערע געפיהל אין איהם געשטארבען, און זיינע געדאנקען זיינען אנגע־פילט געווארען מיט מארד־לוסט.

אבער עס איז ניט געווען קיין לייכטע זאך פון דארט אוועק צו נעהמען צולייקא'ן, און דער פירסט איז געווען א פארזיכטיגער מענש. צו דיעזען צוועק האט ער בעקאנטשאפט געשלאסען מיט דעם פרינץ'עס קאמערהערר, א געוויסער טשיוריאטשי, און פאר א גרויסער סומע געלד האט ער איהם אונטערגעקויפט, ער זאל איהם העלפען. דער פירסט האט אויך אין געהיים בעשטעלט זיינע פערד און וואגען, דיעזע זאלען זיין בערייט אבצורייזען אויף זיינעם א וואונק.

12.

מיט צווייא נעכט שפעטער, איז דער פירסט, אין דער בעגלייטונג פון זיינעם איין אדוואקאט, ביידע גוט בעוואפענט, צוגעקומען צום פאלאץ פון פרינץ מארעא.

דער הימעל איז געווען פערצויגען מיט א שווארצען וואלקען, גראדע וויא דאס וואלט געדיענט אלס א דונקלער מאנטעל פיר דער בלוטיגער ניעדער־טרעכטיגקייט וואס האט דאמאלס בעדארפט בעגאנגען ווערען.

טשיוריאטשי איז געווען גוט בעקאנט מיט זייער ערשיינונג, און ער האט זייא שוין ערווארטעט.

„שלאפט ער שוין?" האט דער פירסט געפרעגט.

„נאך ניט," האט טשיוריאטשי געענטפערט.

„וואו געפינט ער זיך?"

„אין שלאף־צימער."

„מיט איהר?"

„יא."

„שלאפט זיא שוין?"

„איך דענק, אז זיא שלאפט."

„גוט, דאן נעהם און פיהר מיך אריין אהין."

דער פעררעטהערישער קאמערהערר האט זיין וואונש ערפיללט.

צולייקא איז שוין ווירקליך געשלאָפען.

דיא נאכט איז געווען זעהר שטיקענד און הייס, און דער פרינץ, פערמאַ־טערט פון דער היטץ, איז ער געשטאנען כמעט אין גאנצען נאקעט נעבען א פענסטער, פון וואנען עס האט אריינגעבלאָזען א לייכטער ווינטעל פון דעם ים.

צייטענווייז האט זיך דער פרינץ אומגעקוקט צו דער שלאָפענדער געטטין, און ער האט געשמייכעלט מיט פערגניגען איבער איהר הערליכע שעהנהייט. דאן האט ער זיך ווידער געווענדעט מיט'ן געזיכט צום פענסטער, אום איינצו־אטהמען דיא פרישע לופט.

מיט דער לייכטינקייט פון א קאטץ, איז דער פירסט ערשיענען אויף דער שוועל און בעטראכט דאס בילד. דאן האט ער אָנגעפאנגען, אויף דיא שפיטץ־פינגער, זיך צו דערנעהנטערן צום פרינץ.

אין נעכסטען אויגענבליק האט געבליטצט א מעסער אין שוואכען שיין פון דעם צימער, און דאן האט דער פירסט אריינגעשטאָכען דאס מעסער דעם פרינץ אין רוקען און איהם דורכגעבויערט.

דאס אלעס איז אָבגעארבייט געוואָרען אזוי שנעל, דאס דער אונגליקליכער פרינץ, האט אפילו קיין צייט געהאט אויסצושרייען. אום מעהר קיין צייט צו פער־לירען, האט דער מערדער אָנגעכאפט דעם פאלענדען קערפער און איהם ארויסגע־שלײדערט פון פענסטער.

דער פאלאסט איז געווען געבויעט אקוראט אויף דעם ברעג פון ים און דאס פענסטער איז געשטאנען איבער א גראבען וואוהין דאס וואסער האט זיך איינגע־פרעסען. ווען דער קערפער איז ארונטער געפאלען, האט זיך געהערט א פליוסק, און טשיוראטשי איז צוגעלאָפען זעהן וואס עס האט פאסירט. עס שיינט, אז דער פעררעטהערישער קאמערהערר, האט זיך ניט פאָרגעשטעלט, דאס עס וועט בע־גאנגען ווערען א מארד. דיא טהאט האט איהם אלזא איבערראשט.

אלס דעם פירסט'ס אדיוטאנט און בעגלייטער האט דאס בעמערקט, האט ער שנעל ארויף געוואָרפען א שטריק אויף טשיוראטשי'ס האלז, איהם שטארק איינגעצויגען און איהם דערוואָרגען. דאן האט ער איהם ארונטער געוואָרפען אהין וואו דער פרינץ איז געפאלען.

דאס האט זיא פערזיכערט, אז ניעמאנד מעהר איז געווען בעקאנט מיט דעם וואס עס האט פאסירט, און קיין מענש וועט קענען דערצעהלען וואס דארט איז פארגעגאנגען.

דאן האט דער פרינץ גענומען דאס ליכט פון דעם טיש אין זיין האנד, צו געגאנגען צו צולייקא'ן, זיא אויפגעדעקט און בעמערקט, אז זיא שלאפט גאנץ געשמאק.

ער האט בעטראכט איהר נאקעטען קערפער פון קאפ ביז פוס, און ער האט זיך איבערציינגט, אז זיא האט ווערטה געהאט ער זאל פאר איהר אזוי פיעל אפגעבן. יא, זיא איז נאך געווען פיעל שעהנער אין איהר יעטצטיגען צושטאנד, וויא צור צייט ווען ער האט זיא געזעהען אנגעצויגען.

זיין בעסטיאליטעט האט זיך אין איהם ערוועקט מיט איין אונגעהייערע וואוטה, און ער האט געהייסען זיין אדיוטאנט זיך צוריק ציהען אוןווארטען אויף איהם.

דער לעטצטער האט געפאלגט.

דער פירסט, מיט הענד נאך פערשמירט מיט בלוט, האט אומארמט דיא שלאפענדע שעהנהייט, זיא געקושט, דאן האט ער זיך נעבען איהר געלעגט, און זיא, פערשלאפען, האט איהם געגעבען פאר דעם פרינץ און ניט פראטעסטירט.

נאכדעם וויא ער האט זיין וואונש ערפיללט, איז ער ארונטער פון בעט און געשיקט זיין אדיוטאנט רופען עטליכע פון זיינע בעגלייטער. דיעזע זיינען געקומען, און אויף זיין בעפעהל, האבען זיא אוועק גענומען צולייקא'ן, אין דערזעלבער צייט צוהאלטענדיג איהר מויל, אהנע זיא זאל קענען מאכען א לארם.

זיא איז ארויס געטראגען געווארען דורך דערזעלבער טהיר דורך וועלכער ער איז ערשיענען, און אויף דיעזער ארט, איז איהם געלונגען זיא אוועק צו פיהרען אין זיין לאנד, אהנע יעמאנד אין רומעליא זאל האבען ערפאהרען וויא דאס איז געשעהען.

13.

ווען דיא הוידדיענער פון דעם פרינץ האבען אויף'ן נעכסטען מאָרגען ערוואכט, האבען זייא געווארט דער פרינץ זאָל, וויא געוועהנליך, ערשיינען. אָבער ווארטענדיג מעהר וויא געוועהנליך, זיינען זייא צוגעגאנגען צו דער טהיר פון זיין שלאָף־צימער, האבען זייא געפונען דיא טהיר אָפען און קיינער איז דאָרט ניט געוועזען.

זייא האבען געטראכט, אז דער פרינץ איז געוויס ערגיץ אוועק געפאָהרען אין פריוואט מיט זיין שעהנער געליעבטער, אום צו פערברענגען א קורצע צייט, און זייא האבען זיך ישוין מעהר ניט בעקימערט דאריבער.

אונטערדעסען איז אין דיעזען טאָג אריינגעגאנגען א מאן אין דעם גראבען נעבען פאלאסט, דאָרט ענטדעקטביידע קערפערס, פון דעם פרינץ און זיין קאמערהערר.

דיא איינוואָהנער פון דער שטאָדט האבען באלד ערפאהרען וואס עס איז געשעהען, דאס הייסט, אז דער פרינץ און זיין קאמערהערר זיינען ערמאָרדעט געוואָרען, ווייל קיין אנדערע זאך האט מען נאך ניט געוואוסט. מען איז געקומען פון איבעראל זעהען דיא קערפערס, און אלס דיא ערשטע נייגיערינקייט איז פאָרי־איבער, האט מען דעם פרינץ בעערדיגט.

דאן האט זיך אָנגעפאנגען איין אונטערזוכונג אום אויסצוגעפינען דעם פערברעכער. פאר אלעמען האט מען ערפאהרען, דאס דער פירסט פון אטהען איז שוין דאָרט נישטאָ, און זיין פלעטצליכעם פערשווינדען, האט דייטליך געצייגט, אז ער איז שולדיג אין דעם גאנצען שרעקליכען מאָרד. צולייקא'ס אבוועזענהייט, האט אויך באלד איבערצייגט דיא הויפט אורזאכע פון דעם פערברעכען.

דיא איינוואָהנער האבען פעררופען א פערזאמלונג און זיך בעשפראָכען וואס עס איז צו טהון. נאך א לענגערע בעראטהונג איז בעשלאָסען געוואָרען צו ערנענען א ברודער פון דעם ערמאָרדעטען פרינץ אלס העררשער, און איהם נעבען אלע מעגליכקייטען זיך נוקם צו זיין פאר דעם אונשולדיגען פערגאָסענעם בלוט.

דער נייער פרינץ איז, זעלבסטפערשטענדליך, געוועזען פאָלקאָמען איינפערשטאנען מיט זיינע אונטערטהאנען, און אזוי שנעל וויא ער האט איבערגענומען דיא מאכט, האט ער אָנגעפאנגען צו אָרגאניזירען א גרויסע און מעכטיגע ארמעע, און דאן האט ער ערקלערט קריעג געגען דעם פירסט פון אטהען.

ווען דער פירסט האט דאס ערפאהרען, האט ער בעשלאָסען צו בעגעגענען דעם פיינד אויף'ן שלאַכטפעלד.

צו יענער צייט איז אַטהען געשטאַנען אונטער דער אויבערמאַכט פון דעם קייזער אין קאָנסטאַנטינאָפּעל. דער פירסט האט באַלד אוועק געשיקט שלוחים צום קייזער, און איהם אָנגעזיינט, אַז אַ גרויסע מאַכט געהט געגען זיין לאַנד, און ער פערלאַנגט הילפע.

עס איז מערקווירדיג וויא מענשען זיינען אַזוי נאַריש און דום, צו געהען אין קריעג, פערגיסען זייער בלוט און פאַלען אויף'ן שלאַכטפעלד — ווארום? ווייל אַ שופט האט זיך פערגלוסט איין אנדערן'ס געליעבטע און ער האט איהם דערפאַר ערמאָרדעט. על־פּי־יושר, איז דאס געווען גאַנץ שעהן, אַז דיעזע וואס האבען גע־האט איין אינטערעסע אין דעם ענין, זאָלען ארויס געהן אויף אַ פעלד און זיך אַליין צובערעכען די קעפּ, דורכשטעכען דיא ברוסטען, אָדער זיך אפילו בעגראָבען לעבעדיגערהייט. ווּעמען האט דאס דען בעדאַרפט זאָגסט בעקימערן?

אָבער דיא מענשען זיינען שוין אַזוי נאַריש פון נאָך גאַנץ אַלטע צייטען, און אַזוי פיהרט זיך דיא דומע וועלט. פאַטערס און זיהן, האבען פערלאָזען זייערע פרויען, שוועסטערס, עלטערן און קינדער, זיינען ארויס אויף'ן שלאַכטפעלד, אום זיך אַנצוגעהמען דיא קרוונע פאַר אַ לומפּ, אָדער פערטהיידיגען דעם מאָרד פון אַ צווייטען לומפּ.

וויא מיר האבען פריהער געזאָגט, האט דער פירסט פון אַטהען געמעלדעט דעם קייזער פון קאָנסטאַנטינאָפּעל, אַז אַ קריעג שטעהט איהם פאָר. דער קייזער, אָהנע פיעל פראַגען צו שטעלען, האט באַלד אויסגעריכטעט איין אַרמעע און ארויס געשיקט צו העלפען דעם פירסט.

דער קייזער האט געהאט צוויא יונגע מענשען געבען זיך, וועלכע האבען שוין לאַנג געזוכט אַ געלעגענהייט זיך אויסצוצייכענען. און אויסצייכענען זיך, הייסט, אַז מען געהט אין אַ מלחמה און מען מאָרדעט אַ סך מענשען.

דיעזע צוויא יונגע לייט זיינען געווען, קאָנסטאַנטין, דעם קייזער'ס זוהן, און מאַנועל, דעם קייזער'ס שוועסטער־קינד. ביידע זיינען נאַטירליך געווען פרינצען, און דער קייזער האט מיט זייא געשיקט זיינע בעסטע גענעראַלע וויא אויך זיינע העלדישע סאָלדאַטען.

ווען זייא זיינען אָנגעקומען נאָך אַטהען, זיינען זייא גרויסאַרטיג עמפּפאַנגען געוואָרען פון דעם פירסט, און איבערהויפּט פון דער פירסטין, וועלכע איז געווען דעם קייזער'ס טאָכטער און קאָנסטאַנטין'ס שוועסטער.

מען מוז זיך דאָ מערקען, אז דער פירסט האט דעם קייזער ניט אָנגעזאגט די וואהרע אורזאכע פון דעם קריעג. עס לאָזט זיך שווער גלויבען, דאס ווען דער קייזער וואָלט געוואוסט, אז דאָ האנדעלט זיך אום דעם וואס זיין איידעם האט צוגענומען א פרויענצימער, וואָלט ער פיעלייכט גאר אנדערש געהאנדעלט. אָבער וויא די זאך איז, האט דער קייזער ניט געוואוסט, און דאסזעלבע איז אויך געווען מיט זיין זוהן און שוועסטער־קינד.

נאכדעם וויא די יונגע לייט האבען זיך אויסגערוהט א פאאר טעג, האט זיא די פירסטין דערצעהלט, אז דער פירסט האט זיא פערנאכלעסיגט און אנשטאט איהר, האט ער זיך געבראכט א פרויענצימער, וויא אויך אלע אומשטענדען ארום דיעזער פרעמדער שעהנהייט.

די פירסטין, וויא אלע פרויען, האט פריהער אלס מעגליכע אָנגעווענדעט צו ערפאהרען אלע איינצעלהייטען, און איהרע שפיאָנען, האבען איהר יעדע קלייניגקייט מיטגעטהיילט, וויא אויך, אז איהר מאן, דער פירסט, האלט יעטצט די פרעמדע אין א בעזונדערן פאלאסט, וואו ער פערברענגט פיעל צייט. זיא האט אלזאָ קיין זאך פערשוויעגען פאר איהר ברודער און פאר מאנועל׳ן, און זיא האט זייא געבעטען, זייא זאָלען זיך אָננעהמען פאר איהר בעליידיגטע עהרע.

14.

די יונגע לייט האבען אלעס אויסגעהערט, און אָהנע וויטערע פראגען צו שטעלען, האבען זייא געגלויבט דער פירסטין וואס זיא האט זייא מיטגעטהיילט.

„אָבער זייא רוהיג,“ שוועסטער, „האט קאָנסטאנטין געזאגט. מיר וועלען אלעס מעגליכע אָנווענדען, אום נעגען דיר זאָל קיין אונרעכט געשעהען. ווען אונזער לעבען וועט ערפאָרדערט זיין דאפיר, וועלען מיר דאס אָפפערן.“

„אויך איך גיב מיין עהרענוואָרט,“ האט מאנועל פערזיכערט, „אז איך וועל שטעהען צוזאמען מיט פרינץ קאָנסטאנטין אין דיעזער אנגעלעגענהייט.“

די פרינצעסין האט זייא הערצליך געדאנקט.

די צוויא פרינצען זיינען אוועק און אָנגעפאנגען צו מאכען נאכפראגען. עס האט ניט פיעל געדויערט, און זייא האבען ערשטענס ערפאהרען, אז די שעהנהייט, איבער וועלכער א קריעג מוז געפיהרט ווערען, איז ווירקליך א וואונדערבארעס פרויענצימער, און צווייטענס האבען זייא אויסגעפונען וואו דער פירשט האט זיא בעהאלטען.

נאך א לענגערע בעראטהונג וואס עס איז צו טהון, האבען זייא בעשלאָסען ניט צו האנדלען איבעראיילט, און עס איז בייא זייא געבליעבען פריהער צו האבען איין אונטעררעדונג מיט דעם פירסט אליין, און איהם פרעגען, וויא עס קומט, ער זאָל אזוי האנדלען.

מיט איבערלעגטע ווערטער, האט איהם קאָנסטאנטין געזאגט וואס ער האט געהערט, און מאנועל האט בעמערקט, אז ער קען זיך ניט גלויבען, אז דער פירסט זאָל האבען אזוי געהאנדעלט.

דער פירסט האט זייא געדולדיג אויסגעהערט, און דאן בעמערקט:

„מיינע פריינדע, איך בין ניט בייז אויף אייך. ווייל איך, אין אייער שטעלע, וואָלט איך אזוי געטענה'עט. אָבער איך פערזיכער אייך, דאס ווען איהר זאָלט זיין אויף מיין פלאטץ, וואָלט איהר ניט בעסער געהאנדעלט וויא איך. דאס איז א פרויענצימער, וואס דיא וועלט האט נאך ניט געזעהען. זיא איז שעהנער וויא דיא ענגלען וואס דיא גרעסטע מאלער האבען פאָרגעשטעלט.“

דיא פרינצען זיינען פון דיעזע ווערטער באלד בערוהיגט געווארען, און אנ־שטאט ראבע געגען דעם פירסט, איז אין זייא ענטשטאנדען א גרויסע נייגיעריג־קייט צו זעהען דיעזע פרוי וואס יעדער ריהמט אזוי.

זייא האבען אויסגעדריקט דיעזען וואונש פאר'ן פירסט, און דיעזער, פער־געסענדיג אין זיינע אייגענע ווערטער און אייגענע ערפאהרונג, האט פערשפראָכען צו ערפיללען זייער וואונש.

עס איז אלזאָ געבליעבען, אז אויף'ן אנדערן טאָג, ווענ ער זייא ציינען צולייקא'ן, אום זייא זאָלען זיך איבערציינען, אז זיא האט ווערטה אירגענד איין אָפּפער.

צולייקא האט געוואָהנט אליין אין א פאלאסט, נעבען וועלכען עס איז געוועזען א הערדליכער גארטען. דער פירסט האט פעראנשטאלט א פריהשטיק אין דיעזען גארטען, וואו דיא פרינצען צוזאמען מיט איהם און צולייקא'ן, זאָלען זיך צונויפ־קומען.

צולייקא איז געוועזען אָנגעקליידעט אין א לייכטען ווייסען אנצוג. איהרע האאר זיינען געוועזען נאכלעסיג צוזאמענגעלייגט אויף איהר קאָפּ און אויף איהר ווייסע ברוסט האט געשטעקט א לעבעדיגע בלום וואס זיא האט אויסגעריסען פון גארטען.

דיא פרינצען זיינען געזעסען ביים טיש צוזאַמען מיט דעם פרינץ און ערוואר־טעט צולייקא'ן. זיא, מיט לייכטע טריט, איז ערשיענען פון צווישען דיא בוימער, און זיא האט אויסגעזעהען וויא א שוועבענדע געטטין.

צולייקא איז צוגעגאנגען צום טיש און זיך געזעטצט. אויף איהר מערק־ווירדיגעס געזיכט איז געלעגען א האלב־מעלאנכאָלישער אויסדריק, אָבער דיעזער איז געוועזען אזוי שעהן און גראציעז, דאס יעדע מענער־ברוסט האט געמוזט אָנגע־פיללט ווערען מיט פייער.

קאָנסטאנטין'ס אויגען זיינען פון איהר ניט אָבגעווענדעט געוואָרען, פון דעם ערשטען אויגענבליק וואס ער האט זיא דערזעהען. אנפאנגס איז ער ביַרוישט געוואָרען, וויא פון א גוטען וויין, און נאכהער האט ער געשפירט וויא דיא נאכווירקונג פון א גוטען וויין, וואס פערברייטעט זיך אין יעדען מענשליכען גליעד. ער האט מודה געווען, בייא זיך אין הארצען, אז ער האט נאך ניעמאלס געזעהן אזא וואונדערבארע שעהנהייט, און מען מוז דעם פירסט פאָלקאָמען ענטשולדיגען פאר אלעמען וואס ער האט געטהאָן צוליעב איהר.

יא, קאָנסטאנטין האט זיך געטראכט, אז אום אזא וואונדערבארע שעהנ־הייט, קען א מענש מאָרדען, בעגעהן פערראטהע און זיך שולדיג מאכען אין אירגענד א פערברעכען.

אין דערזעעבער צייט, האבען דיעזע געדאנקען אָנגעפאנגען צו פערשווינדען, און אנדערע, פון ליעבע און אויפּרעגונג, זיינען ענטשטאנדען. דער יונגער פרינץ האט זיך געשפירט צוגעבונדען צו צולייקא'ן, מיט לייב און זעעלע. דיא געדאנקען וועגען קריעג, העלדענטהאטען און אנדערע זאכען, זיינען אוועק, און אין זיינע יונגע ברענענדע געדאנקען, האט געלעבט נאָר איין ציעל: וויא צו בעזיטצען דיא שעהנהייט!

וויא א פאָרזיכטיגער מענש, האט ער איינגעזעהען, אז זיין אויפרעגונג קען איהם פערראטהען און שאדען. ער האט אלזאָ דערפאר קיין וואָרט מעהר געזאגט זיין שוואָגער, און זיך בעהערשענדיג, האט ער זיך מיט דעם פירסט רוהיג געזעגענט און איז אוועק געגאנגען.

וועהרענד קאָנסטאנטין האט געשפירט דיא ליעבע צו צולייקא'ן בעהערר־שענדיג זיין גאנצעס לעבען, איז אָנגעקומען דיא נאכריכט, אז דער נייער פרינץ פון מאָרעא איז שוין צוגעקומען מיט זיין ארמעע צו דער גרענעץ פון גריעכענ־לאנד.

דיעזע נאכריכט, האט אלעמען אויפגערעגט, און קאנסטאנטין איז געצוואונגען געווען, צוזאמען מיט דער איבריגער ארמעע, צו פערלאזען אטהען.

קאנסטאנטין האט אויך אויסגערעכענט, אז דיעזער שריט וועט איהם נעהנטער ברענגען צו זיין ציעל, וויא צור צייט ווען ער זאל פערבלייבען אין אטהען און ניט געהען אין קריעג. זיין איינציגע זארג איז געווען, ניט צו מאכען דעם פירסט פערדעכטיג, און אום דאס צו טהון, האט ער געמוזט בעהאלטען זיינע געפיהלע און זיך ווייזען זעהר נייגיעריג צו ערדייכען דאס שלאכטפעלד.

אויף דיעזער ארט האבען אלע פערלאזען אטהען און זיך בעגעבען צו דער גרענעץ וואו דער פיינד איז ענטדעקט געווארען. אבער קומענדיג אהין, האבען זייא דעם פיינד ניט געטראפען. זייא האבען אונטערדעסען ערפאהרען, אז דער פיינד וועט אהין קירצליך אנקומען, און אזוי האט מען אויפגעשטעלט דיא לאגערן און מען איז פערבליעבען ווארטענדיג.

ווען איניגע טעג זיינען פאראיבער, האט קאנסטאנטין איבערלעגט און איינגעזעהען, אז יעטצט איז דיא בעסטע צייט זיין וואונש צו ערדייכען. צולייקא איז געווען אליין, דער פירסט איז אויפ'ן שלאכטפעלד, און דער ערשטער געדאנק איז געווען, פערשוואונדען צו ווערען און צוריק קעהרען נאך אטהען. אבער ער האט באלד חרטה געהאט דארויף, דען אזא האנדלונג וואלט אויך ארויס גערופען פערדאכט.

ער איז אלזא געפאלען אויף איין אנדערן פלאן. ער האט זיך געמאכט קראנק און ערשטענס איבערגעגעבען דאס קאמאנדא פון זיין מיליטער צו פרינץ מאנועל, און דאן, בעטענדיג ביים פירסט ערלויבניס, האט ער געזאגט, אז ער קעהרט צוריק צו זיין שוועסטער אום זיך דארט צו ערהאלטען; און אזוי שנעל וויא ער וועט געזונד ווערען, וועט ער ווידער ערשיינען אויפ'ן שלאכטפעלד.

קאנסטאנטין האט אלעס געמאכט אזוי פערנינפטיג, אז דער פירסט האט קיין איינציגען פערדאכט געהאט.

15.

ווען ער איז אָנגעקומען נאָך אַטהען, האָט ער אָנגעפאַנגען צו רעדען מיט זיין שוועסטער איבער דעם פירסט׳ס געליעבטע, און ער האָט איהר ערקלערט, אַז דאָס איז אַ שרעקליכע בעליידיגונג פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. און עס איז לייכט מעגליך, אַז דער פירסט זאָל נאָך בעגעהען אירגענד וועלכע געמיינהייט צוליעב איהר.

„וואָס קען איך אַלזאָ טהון?" האָט זיא געפרעגט.

„מען דאַרף זוכען לויז ווערען פון איהר."

„וויא אַזוי?"

„זיא צונעהמען פון דאַנען און פערפיהרען ערגיץ, וואו דער פירסט זאָל זיא שוין מעהר ניט קענען געפינען."

דיא פירסטין האָט קיין אהנונג געהאַט, אַז איהר ברודער מיינט זיין טובה און ניט איהרע. דער פלאַן איז איהר גאַנץ גוט געפעלען געוואָרען און זיא האָט דערצו באַלד איינגעשטימט.

„אָבער," האָט זיא בעמערקט, „דיעזעס פרויענצימער מוז אויף אייביג פערשוואונדען ווערען, און זאָלאַנג דער פירסט לעבט, דאַרף ער זיא מעהר ניט זעהן."

„פערלאָז דיך אויף מיר," האָט קאָנסטאַנטין פערזיכערט זיין שוועסטער. „ער וועט זיא ניט זעהען וויא ער זעהט זיך ניט דיא אויערן."

דער פרינץ האָט באַלד געלאָזט אויסשטאַטען אַ שיף אין געהיים און דיעזע געלאָזט צופיהרען, אַבענד, אין דער נאַכבאַרשאַפט פון דעם פאַלאַסט וואו צולייקאַ האָט זיך געפונען. דאַן האָט ער מיטגענומען איינינע פון זיינע פערטרויעטע דיענער. אַ העלפט האָט ער אַוועק געשיקט אויף דער שיף און העלפט האָט ער מיט זיך מיטגענומען.

אין צולייקאַ׳ס פאַלאַסט איז ער גאַנץ שעהן אויפגענומען געוואָרען. צולייקאַ אַליין האָט זיך אויף געצייגט צו איהם זעהר פריינדליך. דאַן האָט ער צולייקאַ׳ן איינגעלאַדען זיא זאָל מיט איהם געהען אַביסעל שפּאַצירען אין גאַרטען. זיא האָט זיין איינלאַדונג אָנגענומען.

ווי זיי זיינען ערשיענען אין גארטען, האט קאָנסטאנטין געגעבען א וואונק צו זיינע לייטע. איינער איז צוגעלאָפען מיט א דיקען שאַל און בעדעקט צולייקא׳ס געזיכט. דאן האבען דיא איבריגע זיא אויפגעהויבען, און אָהנע עס זאָל זיך הערען א וואָרט, האט מען זיא ארויס געטראָגען און אויף דיעזער ארט געבראכט אין דער שיף.

צולייקא׳ס דיינערשאפט, וועלכע זיינען געווען דעם פירסט׳ס פערטרויעטע מענשען, האבען באלד ערפאהרען וואס עס האט פאסירט, און זייא זיינען צוגע־לאָפען צו ברעג פון דעם ים, וואו דיא שיף איז נאך געווען געאנקערט.

„בלייבט רוהיג, איהר מענער!" האט דער פרינץ אויסגערופען האלטענדיג זיין בלאנקעס שווערט אין האנד. „איך טהו דאס, וויל איך וויל רעטען דיא עהרע פון מיין שוועסטער; און ווער עס וואגט מיר צו ווידערשטעהען, דער פערלירט זיין לעבען!"

אלע זיינען געבליעבען שטעהן און ניט געוואגט ווייטער צו געהען.

קאָנסטאנטין האט דאן געהייסען אָבּ.עגלען.

עס האט ניט פיעל געדויערט, און דיא שיף האט אָנגעפאנגען צו שוועבען איבער דיא וועלכען פון ים. צולייקא האט געוויינט און געקלאגט, און קאָנסטאנטין האט פראָבירט זיא צו בּ.רוהיגען.

אויף׳ן אנדערן טאָג זיינען זייא אָנגעקומען נאך ענינא און דיא מידע מאטראָזען האבען געאנקערט אום זיך אביסעל אויסצורוהען, וויל זייא האבען דיא גאנצע צייט שווער געארבייט אום צו ענטלויפען, דאמיט קיינער זאָל זייא ניט קענען גרייכען.

קאָנסטאנטין האט געהייסען צולייקא׳ן אָבשטיינען, און ער האט איהר ער־קלערט, אז קיין מענש וועט איהר טהון עפעס שלעכטס. זיא האט אָבער נאך אימער געוויינט איבער איהר ביטערן מזל.

מיט אייניגע שטונדען שפעטער, האבען זייא ווידער אָבגעזעגעלט, און אין דרייא טעג ארום, זיינען זייא אָנגעקומען נאך כיאָס. דאָרט האט קאָנסטאנטין בע־שלאָסען צו פערבלייבען, אלס אין דעם זיכערסטען פּלאטץ, וואו זאָגאר זיין פאטער זאָל דאריעבער ניט ערפאהרען. ער איז זיכער געווען, אז דער קייזער וועט אויך ניט צופריעדען זיין מיט אזא האנדלונג.

צולייקא האט נאך דאָרט געוויינט עטליכע טעג, אָבער ענדליך האט זיא איינגעזעהען, אז דאס וועט איהר גאר ניט העלפען, און זיא האט זיך בע־רוהיגט.

קאָנסטאַנטין איז געווען א גאַנץ שעהנער יונגער מענש, און אַזוי וויא ער האט זיך געוויעזען זעהר צערטליך און ליעבליך, האט זיא איינגעשטימט צו טהיילען איהר שיקזאל מיט איהם.

16.

דיא טערקען זיינען צו יענער צייט בעהערשט געוואָרען פון קעניג אָסבעך, וועלכער האט אימער געפיהרט מלחמות מיט דעם קייזער פון קאָנסטאַנטינאָפּעל. אין א טאָג, איז קעניג אָסבעך אָנגעקומען נאָך סמירנא, און בעאמטע האבען איהם דערצעהלט, אז קאָנסטאַנטין, דעם קייזער׳ס זוהן, געפינט זיך אין ביאָס, דאס הייסט, אָהן מורא, און ער לעבט דאָרט מיט א געליעבטער. ביאָס איז אפילו געשטאַנען אונטער דעם קייזער׳ס הערשאַפט, אָבער דאָך איז דיא שטאָדט ניט געווען גענוג בעוואָפענט, אום א פּרינץ זאָל זיך דאָרט קענען אויפהאַלטען.

ווען אָסבעך האט דאס ערפאַהרען, האט ער אָבגערייזט אין געהיים מיט עטליכע שיפען נאָך ביאָס. ער איז אהין אָנגעקומען ביי נאַכט און איז אריין אין שטאָדט, אָהנע מען זאָל וויסען ווער דאס איז. ער האט געפּאַקט דיא איינוואָהנער אויף זייערע געלעגערס.

אָסבעך איז בטבע ניט געווען קיין ליבעראַלער מענש. און ווען עס האט זיך נאָך געהאַנדעלט אום איין איבערפאַל אויף קריסטען, איז ער געווען א הערצלאָזער באַרבאַר. ווען מען האט ערפאַהרען אין שטאָדט ווער דער אונגעווינשטער גאַסט איז, האבען מאַנכע געאיילט און זיך געבאָפּט צום געוועהר, אָבער אָסבעך האט יעדען שנעל בעזיעגט און געגעבען זיינע סאָלדאַטען א בעפעהל צו פערברענען דיא שטאָדט. זיין אויפטראַג איז באַלד דורכגעפיהרט געוואָרען. דאַן האט ער צוזאַמען גענומען אַלע ווערטה־זאַכען וואס ער האט געפונען, פיעלע איינוואָהנער געמאַכט פאַר שקלאַפען, און ער האט מיט אַלעמען צוריק גערייזט נאָך סמירנא.

וועהרענד דעם איבערפאַל, האט אָסבעך ניט פערגעסען אָנצוזאָגען זיינע דיענער, זייא זאָלען קיינע פרויען מאָרדען, און ווען זייא וועלען טרעפען ירגענד א שעהנע און יונגע פרוי, זאָלען זייא מיטנעהמען. דאס איז אפילו ניט געטהיג געווען אָנצוזאָגען, ווייל דיא טערקען האבען אימער געטהאָן אַזעלכע זאַכען, נאָר דיעזעס מאָל, האט אָסבעך געמיינט דיא שעהנע צוליקאַ, וועלכע מען האט פאַר איהם געריהמט.

אנקומענדיג נאך סמירנא, האט ער געלאָזט איבערקוקען דיא פרויען־צים־ פאנגענע, און צו זיין פרייד, האט ער דארונטער ענטדעקט דיא שעהנע צולייקא. אפילו ווען מאנכע וואס האבען געוואוסט פון איהר, וואָלטען זיא ניט דערקענט, וואָלט זיא אויך צוגעצויגען זיין אויפמערקזאמקייט דורך איהר איבערראשענדע שעהנהייט, נאָר מאנכע סוחרים פון סמירנא, וואס האבען זיא שוין געזעהען נאך אין אטהען, האבען געזאגט, אז דאס איז זיא.

אָסבעך איז געווען שטארק דערפרייט איבער איהר, און אזוי וויא ער האט פאר־וויא־סאי געהאט א סך פרויען, האט ער מיט איהר באלד חתונה געהאט, און ער האט מיט דער שעהנער צולייקא געוואָהנט עטליכע מאָנאט.

אָבער צולייקאַ'ן איז שוין ניט בעשערט געווען צו לעבען רוהיג. דיא געשיכטע איז אזוי געווען: דער קעניג פון קאפאדאָציען איז ניט געווען אָסבעך'ס א פריינד, אָבער ער איז אויך געווען דעם קייזער'ס א שונא, און איינער אליין, האט ער גע־ וואגט אָנצופאנגען א מלחמה מיט דיא ווילדע טערקען. עס האט זיך אָבער געמאכט, וואס דער קעניג פון קאפאדאָציען האט געשלאָסען פריינדשאפט מיט'ן קייזער פון קאָנסטאנטינאָפעל, און בידע האבען איינגעשטימט אז זייער ערשטער שריט זאָל זיין, צו לערנען מיט אָסבעך'ן אביסעל דרך־ארץ.

דער קריגס־פלאן איז אויסגעארבייט געוואָרען צווישען דיעזע צוויא הערר־ שער, אז ביידע זאָלען בעפאלען סמירנא אונערוואַרטעט, דאמיט אָסבעך זאָל קיין צייט ניט האבען צו זאמלען גענוג קרעפטע אום זיך צו פערטהיידיגען.

ווען דיעזער פלאן וואָלט זאפארט דורכגעפיהרט געוואָרען, וואָלט אָסבעך געוויס געהאט א גרויסע מפלה, נאָר דער קעניג פון קאפאדאציען, וועלכער האט זיך גערופען באסאנאָ, האט דערווייל געזעהען א געלעגענהייט זיך צו בערייכערן און ער האט געפאָדערט געוויסע בעדינגונגען, וואס דער קייזער האט ניט געוואָלט נאכגעבען. דער איבעראל איז אלזאָ ניט זעהר שנעל געשעהען, און אָסבעך האט דערווייל ערפאהרען וואס עס געהט פאָר.

אָסבעך, אלס א געניטער קריגער, האט פערשטאנען, דאס ווען דיעזע צוויא מעכטע וועלען איהם אויף איינמאָל בעפאלען, איינער פון איין זייט און דער צווייטער פון דער אנדערער זייט, איז ער א פערלוירענער. ער האט אויך געוואוסט, אז דער קייזער מוז צו איהם קומען מיט'ן ים, און דאס דארף געדויערן א היבשע צייט. ביז דאמאלס, האט ער בערעכענט, דארף מען פריהער אָבהאקען באסאנאָ'ס פליגעל, און ווען דיעזער וועט זיין מאכטלאָז, וועט ער זיך שוין קענען ענטקעגען שטעלען דעם קייזער.

עס איז דיא אלטע געשיכטע פון דיא גוטע ארמעע־פיהרערס, צו שלאגען יעדע מאכט בעזונדער, און קיינמאל ניטווארטען ביז ביידע וועלען זיין אויף'ן רוקען.

צו דיעזען צוועק האט ער שנעל פערזאמעלט זיינע סאלדאטען און ארויס מארשירט אין קריעג געגען דעם קעניג פון קאפאדאציען, וועלבע האט געהאלטען אין געהען געגען סמירנא.

דערווייל האט ער צוריק געלאזען דיא שעהנע צולייקא אונטער דער אויפזיכט פון זיינעם א פערזעהן דיענער, מיט דעם נאמען אנטיאכוס.

17.

„אלעס זאלסטו געטרויען דיין פריינד, אויסער דיין שעהנע פרוי." איז דא איין אלטעס שפריכווארט, און דאס בלייבט אימער וואהר. עס איז אמת, אנטיאכוס איז טאקי געווען אסבעך'ס א געטרייער דיענער, אבער צולייקא'ס שעהנהייט איז געווען מעכטיגער וויא אלע טרייהייטען און פריינדשאפטען. אנטיאכוס האט באלד פערגעסען אן אלע זיינע פליכטען, און ער האט פאר זיך געזעהן נאר איין זאך, דיא שעהנע צולייקא, וועלכע ער האט געליעבט מעהר וויא אלעס אין דער וועלט.

אבוואהל אנטיאכוס איז געווען בלויז א דיענער, האט ער אבער געהאט א גרויסען פארצוג בייא צולייקא'ן. ער איז געווען דער איינציגער, וואס זייט זיא איז געפאנגען געווארען, וועלכער האט זיך געקענט מיט איהר צוזאמען ריידען אין איהר שפראכע. ער האט אמאל פערוויילט איניגע יאהרען אין דיא געגענדען פון וואנען זיא איז געקומען, און צולייקא האט זיך מיט איהם גוט איינפערשטאנען.

נאכדעם וויא אסבעך איז אוועק אין קריעג, האט אנטיאכוס באלד אנגע־פאנגען צו ערקלערען צולייקא'ן ליעבע. צולייקא האט איהם בעטראכט פאר איהר איינציגען פריינד אין געפאנגענשאפט, און עס האט ניט פיעל געדויערט, ביז זיא האט ערווידערט זיינע געפיהלע.

אויף דיעזער ארט, האבען זייא געלעבט וויא מאן און פרוי א היבשע צייט, אבער זייא זיינען געווען זעהר טרויעריג, וויסענדיג, אז דאס קען ניט פיעל דויערן, און ניט האבענדיג קיין מעגליכקייט צו ענטלויפען.

אין א טאג האט געגרייכט דיא נאכריכט נאך סמירנא, דאס דיעזעס מאל, האט דער בעריהמטער אסבעך געמאכט א פאלשען רעכנונג, דען באסאנא האט

נעקריַענען פערשטערקערונג פון א פאאר הויפטלינגע, וואס האבען רעוואָלטירט געגען דעם טערק, און נאך א שווערער און ביטערער מלחמה, איז אָסבעך אליין גע־הרג׳עט געוואָרען אין קריעג, און זיין גאנצע ארמעע איז צושלאָגען געוואָרען. און יעטצט, מארשירט באסאנא נאך סמירנא, און יעדער איינער אויף׳ן וועג, גיט זיך אונטער צו זיין מאכט.

פיעלע איינוואָהנער האבען אָנגעפאנגען צו ענטלויפען. צו דיעזע האט זיך אנטיאָכוס אויך אנגעשלאָסען צוזאמען מיט צולייקא׳ן, און זייא האבען אָבגערייזט נאך דער אינזעל רהאָדעס. אונטערוועגנס האט אנטיאָכוס אלעס מעגליכע אָנגע־ווענדעט צוליעב צולייקא׳ס בעקוועמליכקייט. אין א נאכט, ווען עס איז געווען א גרויכער רעגען און א שטורם, און דיא וועלכען פון מעער האבען געשליידערט דיא שיף אין אלע זייטען, האט אנטיאָכוס ארונטער גענומען אלע זיינע אויבער־קליידער און בעדעקט צולייקא׳ן. ער האט זיך דערפאר פערקיהלט, ווען זייא האבען גע־לאנדעט אין רהאָדעס, איז ער באלד קראנק געוואָרען, און נאך א קורצע צייט, איז ער געשטאָרבען.

אָבער דיעזער אנטיאָכוס האט באמת ליעב געהאט צולייקא׳ן מיט איין אויפ־ריכטיגער ליעבע. צו יענער צייט וואס ער איז קראנק געוואָרען, איז אין רהאָדעס געווען א קויפמאן פון דער אינזעל ציפּערן, וואס אנטיאָכוס האט איהם שוין לאנג געקענט. זיך זעהענדיג אויף דער שוועל פון קבר, האט ער געלאָזט רופען דיעזען קויפמאן און צו איהם אזוי געזאגט:

„פריינד, איך קען דיך אלס א גוטען און עהרליכען מענשען. באלד וועט זיך מיין לעבען אויסלעשען און איך וועל שוין דאָ מעהר ניט זיין. איך האב א גרויסען אוצר אין גאָלד און בריליאנטען וואס איך האב מיטגעבראכט פון סמירנא, און דאס גיב איך דיר. אָבער איך בעזיטץ נאך א גרעסערן אוצר, און דאס איז מיין צולייקא. איך גיב זיא דיר, און איך בעט דיך, דוא זאָלסט זיא ניט נאָר ליעבען, ווייל דאס מוז יעדער מאן מהון וואס זעהט זיא, זאָנדערן אויך שעטצען און אכטען. פער־שפּרעך מיר דאס, מיין פריינד, און איך וועל שטארבען רוהיג אין דיא ארעם פון דיעזע מענשען, וואס איך בעטראכט יעטצט אלס מיינע ליעבסטע פון דעם גאנצען לעבען. פריינד! זיא איז איינע אליין אין דער וועלט; אָהן א פריינד אָדער ראטהגעבער; זיא איז בלויז א שוואכעס פרויענצימער. דוא ביסט אָבער עדעל און גוט, קלוג און פערשטענדיג, און דוא וועסט קענען צו איהר זיין דאס, וואס איך האב בעשלאָסען צו זיין. — און דוא, זיסע צולייקא, — דוא, וועלכע דיא נאטור

האט געשאפען מיט אזוי פיעל הערצליכקייט און ליעבליכקייט, אז זיא האט זיך אליין איבערטראָפען — פערשפרעך מיר, שיענע פריינדין, אז דוא וועסט זיין זיינע און ערפיללען דעם לעטצטען וואונש פון א שטערבענדען."

דער קויפמאן און צולייקא, האבען אויפמערקזאם אויסגעהערט דעם שטערבענדען'ס ווערטער אוןביידע זיינען געריהרט געוואָרען. זייא האבען זיך צו איהם צוגעבויגען און איהם ביידע געטרייסט, אז ער זאָל ניט פערצווייפלען, דאס ער וועט נאך לעבען און זיין גליקליך.

אנטיאָכוס האט אָבער ביטער געשמייכעלט און געמורמעלט:

„ניין, לעבען איז ניט מעהר פאר מיר, פאר אייך איז בעשטימט דאס לעבען. פערשפרעכט מיר אלזאָ.... איך פיהל, אז מיינע לעטצטע קרעפטען פערלאָזען מיך...."

זייא האבען דאן געוויינט, און מיט טרערען אין זייערע אויגען, האבען זייא פערשפראָכען דעם שטערבענדען צו ערפיללען זיין וואונש.

ווען אנטיאָכוס איז געשטאָרבען, האט דער קויפמאן נאך פערווילט איינינע טעג אין רהאָדעס, ביז ער האט געשלאָסען זיינע געשעפטען. דאן האט ער בעשלאָסען צוריק צו רייזען נאך ציפערן, און געפרעגט צולייקא'ן, אויב זיא בעשטעהט צו האלטען דעם שטערבענדען'ס וואונש און אויב זיא וויל מיט איהם מיטפאָהרען.

צולייקא האט געענטפערט:

„איך האָף, אז דער פריינד פון אנטיאָכוס'ן, וועט האנדלען עהרענהאפט, און מיך בעטראכטען וויא א שוועסטער. אויף דיעזער ארט, שטים איך איין מיטצר פאָהרען."

דער קויפמאן איז געוועזען צופריעדען, און זייא האבען באלד אָבגעזעגעלט פון רהאָדעס.

דיא שיף איז געוועזען זעהר א קליינע, און דער קויפמאן מיט צולייקא'ן, האבען געקריגען נאר איין קליין בעטעל, אויף וועלכען ביידע האבען געמוזט שלאָפען. דאס האט פעראורזאכט, וואס נאך איידער דיא רייזע איז געוועזען צו ענדע, האבען זייא געמוזט ברעכען זייער פערשפרעכען.

ענדליך האבען זייא אנגעלאנגט נאך באפפא, פון וואנען דער קויפמען איז געוועזען, און זייא האבען דאָרט געלאנדעט.

18.

דיא גליקליכסטע צייט פון צולייקא'ס געפאנגענשאפט, האט זיא צוגעבראכט אין באפפא, וואו זיא האט געלעבט מיט דעם קויפמאן, וועלכער איז געוועזן רייך און זיא בעהאנדעלט זעהר צערטליך. עס איז קיין זאך געוועזן וואס זיא האט פערלאנגט, אז ער זאָל איהר ענטזאגען.

אזוי זיינען פאראיבער עטליכע מאָנאט, ביז דער קויפמאן, צוליעב זיינע געשעפטען, האט בעדארפט אַברייזען מיט סחורה נאך ארמעניען. עס האט איהם זעהר לייד געטהאן זיך צו שיידען פון דער שעהנער צולייקא, אָבער ער האט זיך קיין אנדערע עצה ניט געקענט געבען.

וועהרענד זיין וואגען איז געשטאנען פארטיג אום איהם אוועק צו פיהרען צו דער שיף, איז צולייקא צוגעגאנגען צום פענסטער און איהם נאך אמאל געוואונשען „גליקליכע רייזע.“

דער קויפמאן איז אוועק געפאהרען צופריעדען, און צולייקא, נאך אימער שטעהענדיג ביים פענסטער, האט איהם נאכגעקוקט.

צו יענער צייט האט פערוויילט אין באפפא א מאן מיט דעם נאמען אנטיגאָנוס. דיעזער איז שוין געוועזן אין דיא עלטערע יאָהרען און זעהר א קלוגער מענש. אָבער אזוי וויא ער איז שוין געוועזן זאט אין יאָהרען און הכמה, אזוי איז ער געוועזן הונגעריג אויף געלד. ער איז געוועזן זעהר ארעם, און ער האט ניט נאָר איינמאָל שפאצירט איבער דיא גאסען ניט וויסענדיג וואס ער זאָל טהון.

דיעזער אנטיגאָנוס האט געמאַכט אמאל גרויסע מסחרים מיט דעם קעניג פון ציפערן, גאָר דער סוף איז געוועזן, וואס דער קעניג, מיינענדיג, אז אנטיגאָנוס איז שוין צו רייך געוואָרען, האט ער איהם איינמאָל ניט געוואָלט בעצאָהלען פאר א טראנספאָרט וואארע, בעהויפטענדיג, אז אנטיגאָנוס האט איהם בעשווינדעלט. דיא וואהרהייט איז אָבער געוועזן, אז אנטיגאָנוס'עס גאנצעס פערמעגען, איז געלעגען אין דיעזען טראנספאָרט וואארע. ער האט נאך געהאט עפּעס א קליינינקייט צוריק געבליעבע; און ער האט אָנגעפאנגען זיך צו פראָצעסירען מיט דעם קעניג. דאס האט געפיהרט דערצו וואס ער איז אין גאנצען פעראָרימט געוואָרען.

שפאצירענדיג איבער דיא גאסען פון באַפּאַ, האט אנטינאָנוס ניט נאָר איינמאָל גערענקט איבער זיין גליקליכער פערגאנגענהייט, ווען ער האט בערייזט דיא וועלט, געזעהן פערשיעדענע לענדער און פערשיעדענע מענשען און געהאנדעלט אויף גרויסע פערמעגענס.

אויפהויבענדיג זיינע אויגען, האט ער ערבליקט א מערקווירדיג שעהנעם פרויען־געזיכט אין א פענסטער. דאס איז געווען צולייקאַ, און וויא דורך א חלום האט ער זיך אָנגעפאנגען צו ערמאנערן, אז ער האט אמאָל ערגיץ דיזע שעהנהייט געזעהן. אָבער וואו און ווען, איז איהם שווער געווען אויף׳ן פּלאַטץ צו טרעפען.

אנטינאָנוס האט זיך אָבגעשטעלט קוקען אויף איהר, מיט דער האָפנונג, אז ער וועט זיא דערקענען און וויסען וואו ער האט זיא געזעהן. צולייקאַ וויעדער האט איהם אויך ערבליקט, און זיא האט איהם באלד דערקענט, אז זיא האט איהם אמאָל געזעהן אין אלעקסאנדריען, וואו ער איז געווען בעשעפטיגט אין האנדעל מיט איהר פאטער.

ערבליקענדיג און ערקענענדיג דיעזען אלטען מאן, האט אין צולייקאַ׳ס הארץ באלד אויפגעפלאמט א גרויסע האָפנונג, און זיא האט בעשלאָסען, אין דעמזעלבען מאָמענט, אז ער קען און מוז איהר העלפען.

זייערע בליקען האבען זיך בעגעגענט, און אויף א וואונק, איז אנטינאָנוס צו־געקומען.

„וויא הייסט איהר?“ האט זיא געפרעגט.

„מיין נאמען איז אנטינאָנוס,“ האט ער געענטפערט.

„דאנקען גאָט!“ האט זיא אויסגערופען.

„און איהר קענט מיך?“

„יא.“

„וויא אזוי?“

„אייער נאמען איז אנטינאָנוס פון פאמאגאָסטאַ.“

דער אלטער האט זיא בעטראכט אייניגע אויגענבליקען, און דאן האט ער געזאגט:

„מאדאם, מיר דאכט, אז איך קען אייך אויך. נאָר איך קען מיך אום קיינעם פּריין ניט ערמאנערן וואו איך האב אייך אמאָל געזעהן. דערפאר, בעט איך אייך, אויב איך האב ניט קיין אירטהום, זאָלט איהר מיר דאס ערקלערען.“

זיא האט מעהר ניט געענטפערט, נאָר איהם אריינגערופען אין הויז, נום פערמאכט דיא טהיר, און צו זיין ערשטוינען, האט זיא איהם אומארמט און ביטער געוויינט.

ווען איהר ערשטע אויפרעגונג איז געווען פאָראיבער, האט זיא איהם גע־פרעגט:

„האט איהר מיך קיינמאָל ניט געזעהען?"

„מיר דאַכט יא."

„וואו?"

„איך געדענק ניט."

„האט איהר מיך ניט געזעהען אין אלעקסאנדריען?"

ווען אנטיגאָנוס האט דאס דערהערט, האט ער זיא באלד דערקענט אלס פרינצעסין צולייקא, דעם סולטאן'ס טאָכטער.

„אָבער מיין גאָט!" האט ער אויסגערופען. „וויא קומט איהר אהער? איך האב דאָך געהערט, אז איהר זייט דערטרונקען געוואָרען?"

דער אלטער האט זיך געוואָלט ווארפען צו איהרע פיס, אָבער זיא האט איהם צוריק געהאַלטען, און איהם געבעטען זיטצען.

אנטיגאָנוס האט זיך עהרענפאָל געזעטצט, לויט איהר בעפעהל, און נאכדעם וויא זיא האט זיך אָבגעטריקענט דיא טרערען, האט ער זיא געבעטען, זיא זאָל איהם דערצעהלען וואס עס האט פאסירט.

„מען האט פאָזיטיוו בעהויפטעט, אז איהר זייט דערטרונקען געוואָרען," האט ער געזאגט.

„הכוואי וואָלט דאס געווען וואהר," האט זיא געענטפערט טרויעריג.

„איבער דעם גאנצען לאנד עגיפטען איז דיעזע נאכריכט פערברייטעט גע־וואָרען, און יעדער האט דאס געגלויבט."

„יא, מיין פריינד," האט ער געזאגט ווענדענד דיא טרערען זיינען וויעדער געקומען אין איהרע אויגען. „דער טויט וואָלט פאר מיר ליעבער געווען איידער צו פיהרען אזא שענדליכעס און טרויעריגעס לעבען וויא איך האב ביז יעטצט פערבראכט."

„זייט רוהיג, פרינצעסין."

„יא יא, פריינד, ווען מיין פאטער וואָלט געוואוסט וואס פון מיר איז גע־וואָרען, וואָלט ער מיר אויך בעסער געוואונשען דעם טויט."

19.

צוליקא איז געוועזן צופיעל אויפגערעגט פון האפנונג, פרייד, לייד און טרויעריגע ערינערונגען. זיא האט זיך עטליכע מאל בעמיהט צו זיין רוהיג, אבער זיא האט ניט געקענט.

אנטינאנוס, מיט פאטערליכע צערטליכקייט, האט געזאגט:

„פרינצעסין, איהר זעהט אין מיר א פריינד, וואס איז בערייט אלעס מעגליכע צו טהון אום אייך צו העלפען. איך האב שוין געזעהען דיא וועלט אין פערשיעדענע פארבען. פערצווייפעלט ניט, פאסט מוטה. אבער אום אייך צו העלפען, מוז איך וויסען וואס אייך פעהלט. איהר מוזט מיך בעקאנט מאכען מיט אייער לעטצטער פערגאנגענהייט. איהר זייט יונג און שעהן, און איהר טארט ניט פערלירען קיין האפנונג. וואס נאט טהוט, איז אלץ צו גוטען. זייט רוהיג אויף א קורצער צייט, און לאמיך וויסען וואס עס איז געשעהען.“

דעם אלטען'ס ווערטער האבען געווירקט.

„אנטינאנוס,“ האט צוליקא אנגעפאנגען, „ווען איך זעה דיך, אונטער פריינד, דאכט זיך מיר, אז מיין פאטער שטעהט פאר מיינע אויגען. און פערפליכטעט דורך דער ליעבע וואס איך בין שולדיג מיין פאטער, האב איך ערשטענס נעהאט דעם מוטה, אין מיין יעטצטיגען צושטאנד, מיך צו ענטדעקען פאר דיר. אך, פריינד! מיין הארץ איז מיר פול מיט וואונדען, און פאר אירגענד איין אנדערן מענשען אין דער וועלט, וואלט איך דיעזע וואונדען ניט געוויעזען. איך וואלט בעסער וועלען בעגעהען זעלבסטמארד, איידער ארויף צו ברייננען אויף מיינע ליפען דיא געשיכטע פון מיין טרויעריגעס לעבען. אבער פאר דיר, אלטער פריינד, וועל איך אלעס ענטדעקען. איך קען קיין זאך פאר דיר פערבארגען.“

זיא האט זיך אונטערבראכען און איז געבליעבען שטיל אויף א קורצע צייט וויא צו כאפען דעם אטהעם. אנטינאנוס, זעהר געריהרט, האט איהר געזאגט צערטליכע ווערטער וויא א פאטער און זיא ערמונטערט ניט צו פערלירען דעם מוטה.

„און יעטצט הער, אנטינאנוס,“ האט זיא פארטגעזעטצט, „ווען דוא וועסט האבען אויסגעהערט מיין געשיכטע און דוא וועסט מיר קענען העלפען, דאן זאג עס מיר. ווען דוא וועסט מיר אבער ניט קענען העלפען, אדער מיין לעבען וועט בייא

דיר אריים רופען צו פיעל עקעל, דאן געה אוועק פון מיר און דערצעהל פאר קיינעם קיין וואָרט. לאָמיך זיין טויט פאר דער גאַנצער וועלט און פאַר מיין פאטער און פאר מיין גאַנצער פאמיליע.“

דער אלטער האט פערשפראָכען צו בעפאָלגען וואס זיא האט איהם געזאָגט.

דאן האט צולייקא אָנגעפאנגען צו שילדערן איהר טרויעריגעס שיקזאל וואס עס האט איהר בעפאלען זייט דעם שיה־ברוך בייא מאזשארקא ביז צו דער צייט וואס ד'ער קויפמאן פון צאפפא איז אוועק געפאָהרען נאך ארמעניען.

ווען צולייקא איז פערטיג געוואָרען מיט איהר שילדערונג, איז איהר געזיכט געוועזען אזוי ווייס וויא קאַלך און איהר גאַנצער קערפּער האט געציטערט פאר שמערץ. איהרע אויגען, אָנגעפיללט מיט טרערען, האט זיא געהאַלטען אָבגע־ווענדעט פון דעם אלטען מאן פאר שאנדע.

אנטינאָנוס שפירענדיג איהר שמערץ און טיעפע שאַנדע, האט געוויינט אויף איהר אונגליק.

נאך א פויזע, האט דער אלטער אָבגעהאלטען פאָלגענדע מערקווירדיגע אנשפּראכע פאר צולייקאַ'ן : —

„פּרינצעסין ! איך האב געדולדיג אויסגעהערט אייערע ווערטער און שטר־דירט יעדע טרויעריגע ערפאהרונג וואס איהר האט געהאט. פיעלע אַנדערע מענער, אין מיינע יאָהרען, ווען זייא טהון שוין תשובה אויף דער יוגענד, ווייל אויף דער עלטער קענען זייא מעהר ניט זינדיגען, וואָלטען אייך פערדאמט און פעראכטעט. זייא וואָלטען אייך פעריאַגט און פעראבשייעט. אָבער איך וועל עס ניט טהון. איך וועל עס נים טהון, ווען איהר זאָלט אפילו זיין מיין אייגענע טאָכטער. יא, פרינצעסין, איך האב קיין קינדער נים, נאָר ווען איך זאָל האבען קינדער, און מיינע א טאָכטער זאָל בעגעהען, מוטהוויליג, א פערברעכען זיך איבערצוגעבען צו שאנדע, און ווען זיא זאָל נאכהער צוריק קעהרען צו מיר, וואָלטען מיינע פאטערליכע ארעמס געשטאנען אָפען זיא צו עמפפאנגען. מיין מויל, אנשטאט שטראף־ווערטער, וואָלט געהאט בעדויערן און מיטלייד : מיין הארץ, אנשטאט פעראכטונג, ליעבע און סימפאטהיע. איך וואָלט בעטראכט מיין אונגליקליכעס קינד אלס געגונג גע שטראָפט, אום איך זאָל איהר שוין מעהר קיין מוסר ניט זאגען.

„אך, פרינצעסין ! ווען אלע פאטערס און מוטערס וואָלטען דאס זעלבע געטהאָן, וואָלטען זייערע אונגליקליכע און פערפיהרטע טעכטער ניט געזוכט דעם

שמוטץ זיך צו בעהאלטען און דעם זומפף זיך צו שיטצען. זייא וואָלטען זיך ריין געוואשען אין דער צערטליכקייט פון א מוטער און אין דער ליעבע פון א פאטער.

„יעדער יונגער מענש קען בעגעהען פעהלער; יעדער יונגער מענש איז אימ־שטאנדע ארונטער צו געהען פון דעם רעכטען וועג. אָבער עס איז נאך קיין ראיה ניט, דאס ווען מען דערזעהט, אז דיעזער וועג פיהרט צו דער העללע, דאס מען מוז דעם וועג פאָרטזעטצען. יעדע צייטליכע חרטה איז גוט, און א מעדכען, ווען זיא איז געזונקען און בעגרייפט איהר שטאנד, זאָל זיא פון דאָרט ענטלויפען און זוכען רוה און צופריעדענהייט אין זויבערקייט און פרומקייט.

„איהר, מיין אונגליקליכע פרינצעסין, זייט זעהר טיעף געזונקען, אָבער גראדע וויא טויזענדער און מיליאנען אנדערע און גליקליכע זיינען ניט שולדיג, אזוי זייט איהר אויך ניט שולדיג. עס איז קיין אונטערשיעד וועלכע דיא אומשטענדען זיינען געוועזען אריינצופאלען אין דער נעץ פון בעסטיאלישע מענער. איינע פאלט דורך לוקסוס, א צווייטע דורך מאנגעל אין ברויט, און א דריטע, גלאט, גראדע וויא איהר, ווייל עס איז קיין אנדער אויסוועג ניט געוועזען.

„פרינצעסין! איך בין בערייט, וויא איך האב געזאגט, אייך צו העלפען, אין דערזעלבער צייט אָבער, זאָלט איהר הערען מיין ראטה. ניעמאנד אויסער איהר און איך ווייסען יעטצט, וואס פרינצעסין צולייקא האט געליטען. עס איז ניט נויטהוועדיג אויסצופויקען א מענשען'ס חטאים פאַר דער וועלט, זאָלאנג דאס קען קיינעם קיין טובה ניט טהון. וויא אזוי איהר וועט פון דאנען לויז ווערען, וועלען מיר שוין שפעטער ריידען, נאָר פאָרלויפיג, זאג איך אייך, אז אונזער ציעל מוז זיין, איהר זאָלט צוריק קעהרען צו אייער פאטער, דעם סולטאן, וויא א גוטע און פרומע טאָכטער, און דאן זאָלט איהר הייראטהען מיט אייער חתן, דעם קעניג פון אלגראווע.“

20.

אנטינאָנוס'עס ווערטער האבען געווירקט וויא א הייל־זאמער באלזאם אויף דיא זעעלען־וואונדען פון דער פרינצעסין, און נאך א קורצעם געשפרעך, האט ער איהר אויך דערצעהלט זיין אייגענעם צושטאנד.

צולייקא האט איהם בעדויערט, און אין איהם געזעהען א לײידענדען ברודער.

„האט איהר עפעס פערמעגען?" האט ער געפרעגט.

„זעהר וועניג," האט זיא געזאגט.

„וויפיעל?"

„זעהר וועניג." דאן האט צולייקא פארטגעזעטצט, „וויל איך אויך קיין זאך נעהמען, וואס זאָל מיך עראינערן אן מיין טרויעריגעס פערגאנגענהייט. דיא בע־לוינונג פון שאנדע איז נאך ערגער פון שאנדע זעלבסט. איך וויל אוועק פון דאנען ארעם און עלענד, און ווען עס זאָל ערפאָרדערט זיין, איך זאָל געהען צופוס ביז צו מיין פאטער, בין איך בערייט דאס צו טהון."

אנטינאָנוס האט געקושט דיא שעהנע האנד פון צולייקא'ן און זיא האט גע־שפירט זיינע טרערען ארונטער קאפּענדיג.

„דוא ביסט א גוטעס און עדעלעס קינד!" האט ער אויסגעשריען, „אָבער דיא צייט פון ליידען איז פאָראיבער. דוא טאָרסט מעהר ניט זאָרגען און טראכטען וואס מאָרגען וועט זיין. בערוהיג דיך, מיין טאָכטער, איך בין ענטשלאָסען דיר צו העלפען — ענטשולדיג מיר אויך, וואס איך וואג דיך צו רופען „דוא." ערלויב עס מיר יעטצט, ביז דוא קעהרסט צוריק צו דיין פאטער, און דאן וועל איך דיר אָבגעבען וויעדער דיין פרינצעסין־עהרע."

צולייקא האט געהאלזט און געקושט דעם אלטען, און איהם געבעטען, אז ער זאָל זיא נאָר רופען „דוא".

„איך מוז דיך יעטצט פערלאָזען, טאָכטער," האט דער אלטער געזאגט.

„פערלאָזען?"

„דערשרעק דיך ניט, קינד, ניט אויף לאנג".

„וואוהין דארפסטו געהען?"

„איך מוז זעהען דורכפיהרען דעם פלאן פיר דיין בעפרייאונג, דאס מוז דויערן עטליכע טעג. דאן קעהר איך צו דיר צוריק, און מיט גאט'ס הילף, וועלען מיר אונזער ציעל ערדייכען."

צולייקא איז געבליעבען בעטריעבט.

„זייא מוטהיג, מיין קינד," האט ער ווייטער געזאגט, „בלייב דא, אין דיעזען הויז, וואו איך זעה, אז מען בעהאנדעלט דיך ניט שלעכט. ווען איך וועל צוריק קעהרען, זאל זיך אנפאנגען דיין בעפרייאונג און גליק."

דער אלטער האט אבשיעד גענומען פון צולייקא'ן, און האט נאך אין דעמ־זעלבען טאג אבגערייזט נאך פאמאגאסטא. ער איז שוין דארט ניט געוועזען זייט פיעלע יאהרען. און ווען מען האט איהם ערבליקט אין זיין טרויעריגען ארעמען צו־שטאנד, האט איהם יעדער בעדויערט.

אנטינאנוס האט אבער קיין צייט ניט געהאט פיעל צו פערווייצלען, און ער האט זיך געמעלדעט צום קעניג.

דיעזער, וועלכער האט איהם שוין לאנג געקענט, האט איהם גוט עמפפאנגען, און איהם פרעגענדיג וואס עס האט פאסירט ווארום ער איז אזוי פערארעמט, האט אנטינאנוס אבגעשילדערט דיא געמיינהייט וואס דער קעניג פון ציפערן האט געגען איהם בעגאנגען.

דער קעניג איז געוועזען זעהר געריהרט דערפון און איהם אנגעבאטען שטיצע.

„איך דאנק אייך, מאיעסטעט," האט דער אלטער געענטפערט. „איך בין שוין אלט און בענעטהיג מעהר גאר ניט."

„אבער צו וועלכען צוועק ביסטו צו מיר געקומען?"

„אום צו בעטען הילפע וועגען איין אנדערן."

„ווער איז דער אנדערער?"

„אייער מאיעסטעט וועט מיר ערלויבען און מיך געדולדיג אויסהערען, דאן וועל איך אייך דערצעהלען."

דער קעניג האט איהם ערלויבט.

„מיין הערר און הערשער," האט אנטינאנוס אנגעפאנגען, „מיט א צייט צוריק, איז ארויס געפאהרען דיא טאכטער פון דעם סולטאן פון אלעקסאנדריען אויף'ן ים, דיא שיף איז צערשמעטערט געווארען, און יעדער האט געגלויבט, אז זיא איז אונטערגעגאנגען צוזאמען מיט דער פרינצעסין. אבער גליקליכער ווייזע האט זיך

דיא פרינצעסין גערעטעט, און איך בין יעטצט געקומען צו אייך בעטען הילפע פיר איהר."

"וויא אזוי קען איך איהר העלפען, אלטער?" האט דער קעניג געפרעגט.

"איך וויל, אז אייער מאיעסטעט זאָל מיר געבען א שיף מיט בעוואפענטע סאָלדאטען, און איך זאָל אבזעגלען נאך ציפערן, אנקערן ניט ווייט פון באפפא, און פון דאָרט ארויס נעהמען דיא פרינצעסין און זיא אָבפיהרען צו איהר פאטער."

דער קעניג, וועלכער האט שוין לאנג געזוכט דיא בעקאנטשאפט און פריינדשאפט פון דעם סולטאן, האט זיך זעהר דערפרייט איבער דיעזער געלעגענהייט, און אָהנע פיעל צייט צו פערלירען, האט ער באלד איינגעשטימט צו אנטיגאָנוס׳עס פלאן.

נאך אין דעמזעלבען טאג איז אויסגעשטאטעט געוואָרען א קריעגס־שיף, און אינטער דער פיהרערשאפט פון דעם אלטען, האט זיא אָבגעזעגעלט נאך ציפערן, און פרינצעסין צולייקא איז געבראכט געוואָרען מיט גרויס עהרע און אכטונג נאך פאמאגאסטא.

דער קעניג זעלבסט האט זיא עמפפאנגען און דיא קעניגין איז געוועזען שטארק ערפרייט וואס זיא האט געהאט דיא עהרע זיך צו בעגעגענען מיט דער שעהנער טאָכטער פון דעם מעכטיגען סולטאן.

אנטיגאָנוס, וועהרענד דער רייזע, האט זיא נאך אמאל געווארענט, אז זיא זאָל קיין וואָרט ענטדעקען פאר קיין מענשען איבער איהר שענדליכעם לעבען וואס זיא האט געפיהרט, און ווען מען וועט זיא פרעגען וואו זיא איז געוועזען און וואו זיא האט פערבראכט דיא גאנצע צייט, זאָל זיא געבען פערשיעדענע ענטפערס וואס זאָלען אויף איהר ניט ווארפען קיין פערדאכט.

צולייקא האט פינקטליך בעפאָלגט דיעזען אויפטראג, און ווען דער קעניג מיט דער קעניגין האבען זיא געפרעגט איבער דער לעטצטער צייט וויא זיא האט צוגעבראכט, האט זיא אזוי קינסטליך געענטפערט, דאס זיא האט בייא זייא ניט פערלוירען דעם ווערטה.

21.

צולייקא האט פערבראכט עטליכע טעג אין קעניגליכען פאלאסט, און דאן האט זיא געבעטען מען זאָל זיא אָבשיקען אין איהר היימאטה.

דער קעניג האט בעאויפטראגט אנטינאָנוס'ען ער זאָל זיין איהר בעגלייטער, און אויסריכטענדיג א גרויסע קריעגס־שיף, וויא אויך מעהרערע דיענער און קאַ־מערפרויען, האט ענדליך צולייקא אָבגעזעגעלט אין דער ריכטונג וואו זיא האט גענאָמען איהר אונשולדיגע קינדהייט, און וואו איהר פאטער'ס הארץ האט פיר איהר געקלאפט מיט אַלע געפיהלע פון צארטקייט.

גראדע וויא דאס אונגליק קען פערפאָלגען א מענשען, אזוי קען אויך דאס גליק צו איהם לאכען און פריינדליך בליקען. אָבוואָהל דיא רייזע האט בעדארפט זיין א שווערע אויף דיא אונרוהיגע וועללען פון ים, האט אונטערדעסען דיא גאנצע צייט געבלאָזען א גינסטיגער ווינט, און נאָך 8 טאָג רייזען, האט ענדליך דיא שיף אנגעלאנגט אין אַלעקסאנדריער האפען.

אנטינאָנוס האט באַלד ארונטער געשיקט א מאַן אָנזאגען דעם סולטאַן, אז ער, אנטינאָנוס, דעם סולטאַן'ס אַלטער פריינד, קומט איהם בעזוכען, און ער ברייננט איהם אויך מיט א פערלווירענעם דיאמאנט.

דער מאַן איז געווען בעאויפטראגט אזוי צו זאגען, נאָר ווען דער סולטאַן וועט איהם שטעלען וויטערע פראגען און וועלען וויסען וואס פאר א דיאמאנט דאס איז, זאָל ער איהם ענטדעקען, אז זיין טאָכטער צולייקא לעבט און קעהרט צוריק אין זיינע ליעבענדע ארעם.

ווען דער סולטאַן האט דאס ערפאהרען, איז ער געווען איבערראשט, און דאן האט ער אויך ניט געגלויבט אין דיעזער נאכריכט.

אונטערדעסען האט איהם דאס אַלעס געמאכט זעהר נייגיעריג און ער איז ארונטער געלאָפען צום האפען. מען קען זיך פאָרשטעלען דיא פרייד פון דעם פאטער, ווען ער האט נאָך אמאל פאר זיך ערבליקט זיין געליעבטע פערלווירענע טאָכטער. ער האט געלאכט און געוויינט און זיא געדריקט צו זיין אַלטער ברוסט.

נאכדעם האט ער זיא אהיים גענומען און געלאָזען זיך אויסרוהען. דאן האט דער סולטאַן געוואָלט וויסען, וויא אזוי זיא איז לעבען געבליעבען, און וואו זיא

האט פערוויילט אזא לאנגע צייט, אהנע איהם נאר ניט צו בעריכטען, אז זיא לעבט.

צולייקא האט איינגעשטודירט איבער דעם וועג וואס זיא האט צו זאגען איהר פאטער, יעדעס ווארט איז געווען אויסגעשטעלט פון אנטינאנוס'ן, און זיא האט איהם אלזא אזוי געענטפערט:

„מיין פיעל געליעבטער פאטער! אויף'ן צוואנציגסטען טאג נאך אונזער אבריי'זע פון דיין האפען, האט זיך אויפגעהויבען א פירכטערליכער שטורם, און אונזער שיף איז געשליידערט געווארען אין אלע זייטען. ענדליך איז געווארען א לאך אין שיף, וועהרענד אונזער שיף האט זיך אנגעשטויסען אן א פעלזען ביי דער וועסט־זייט פון א געוויסען פלאטץ, וואס מען רופט אקוואמארטא (דאס טויטע וואסער.) וואס עס איז געווארען פון דיא מענשען וואס זיינען געוועזען אויף דער שיף, ווייס איך ניט און איך האב עס אויך ניט געקענט ערפאהרען. אבער אזוי פיעל געדענק איך, אז מיט דעם אויפגאנג פון דער זונן, איז אין מיר נייעס לעבען געקומען, אדער, בעסער געזאגט, לעבען האט צוריק געקעהרט אין מיין טויטען קערפער. איך האב מיך געזעהען ליעגענדיג אויף'ן זאמד, ניט ווייט פון מיר דיא שיף צערשמעטערט אויף שטיקער, און דיא דארטיגע איינוואהנער זיינען ארונטער געקומען אין גרויסע מאסען, און גערויבט אלעס וואס זייא האבען געפינען.

„איך, און צווייא פון מיינע פרויען־בעגלייטער, זיינען אויפגעהויבען געווארען פון דעם זאמד, און דא האבען אונז צווייא יונגע לייט געפאנגען גענומען. וויא מען האט אונז געפיהרט, איז איין יונגער מאן ענטלאפען מיט מיינע פרויען־בעגלייטער און איך האב מעהר ניט געוואוסט וואס פון זייא איז געווארען. דער אנדערער האט מיך מיטגענומען.

„איך האב אנפאנגס שווער געקעמפפט און ניט געוואלט מיטגעהען, אבער נאך צווייא אנדערע יונגע לייט זיינען אונטערגעקומען, און מיך אנגעהמענדיג ביי דיא האאר, בין איך געצוואונגען געווען מיטצוגעהען. אזוי האב איך געוואנדערט א היבשע שטרעקע, וויינענדיג און מיינע פיס האבען מיך זעהר וועה געטהאן. דאן האבען מיר פאסירט א ברייטען וועג און עס זייענען ערשיענען פיער רייטער. וויא מיינע רויבער האבען ערבליקט דיא רייטער, זיינען זייא באלד ענטלאפען.

„דיעזע נייע מענער, וועלכע האבען אויסגעזעהען לייטע פון העכערן שטאנד, האבען ארונטער געשטיעגען פון זייערע פערד, צו מיר צוגעגאנגען און מיר אנגעפאנגען צו שטעלען פראגען. איך האב זייא דערצעהלט פון מיין אונגליק, אבער מיר האבען זיך ניט געקענט איינפערשטעהען.

„זייא חאבען פראָבירט, וואהרשיינליך אין פערשיעדענע שפּראַכע, מיך אויכצופרעגען ווער איך בין און וואס איך בין, אָבער עס איז אונמעגליך געווען זיך צו בעגרייפען. ענדליך האבען זייא צווישען זיך אָבגעהאַלטען א לענגערע בעראַטהונג, און נאכדעם האבען זייא מיר געגעבען א פערד איך זאָל דאָס בע־שטייגען.

„זייערע בענעהמונגען זיינען געווען אזוי אנשטענדיג, אז איך האב זייא אַלעס פערטרויעט, און איך האב מיך אויפגעזעטצט. אזוי זיינען מיר געריטען א פּאאר שטונדען, ביז מיר זיינען צוגעקומען צו א הויכער געביידע.

„שפּעטער האב איך ערפאהרען, אז דאס איז א קלויסטער, ספּעציעל פיר פרויען אליין, וועלכע שיידען זיך אָב פון דער גאַנצער וועלט און פערברינגען דאָרט זייערע יאָהרען.

„אהין האט מען מיך ארייגעפיהרט און איבערגעגעבען צו דיא שוועסטערס, אָדער נאָנע, וויא מען רופט זייא. דאַן בין איך געוואָרען א נאָנע, און צוזאמען האבען מיר געדיענט צום „בלאָנדען הייליגען,“ וועלכער ווערט שטארק פערעהרט אין ענגלאַנד.

„נאך איינינע מאָנאט צייט, האב איך אביסעל ערלערענט זייער שפּראַכע, אַלס זייא האבען מיך אָנגעפאנגען אויסצופרעגען ווער איך בין, האב איך מורא געהאט פאר זייא צו זאגען דעם אמת, טאָמער וועלען זייא מיך רעכענען פאר א שפּיאָן. איך האב זייא אלזאָ דער־צעהלט, אז איך בין דיא טאָכטער פון א קויפמאן אין ציפערן, און פאָרענדיג חתונה האבען אין קרעטא, האב איך געליטען שיף־ברוך, און בין אהין פערוואָרפען געוואָרען.

„אזוי בין איך דאָרט פערבליעבען א לאנגע צייט, ביז עס זיינען פארבייא געפאָהרען איינינע העררען פון פראנקרייך מיט זייערע פרויען, וועלכע האבען גע־רייזט נאך ירושלים. דיא הויפּט־שוועסטער האט דאַן בעשלאָסען מיך צו פערטרויען אויף זייא.

„אויף דיעזער ארט, האב איך ענדליך אָבגערייזט, און מיר זיינען אָנגעקומען נאך באַפּאַ. דאָרט האב איך געהאט דאס גליק דעם ערשטען טאָג צו בעגעגענען אונזער פריינד אנטינאָנוס, און ערקלערענדיג, אז ער וועט מיך שוין אָבפיהרען צו מיין פאטער, האבען מיך דיא פראנצויזען אָבגעלאָזען, דאַן האבען מיר זיך גע־ווענדעט צום קעניג, און דאס איבריגע, פאטער, איז דיר שוין בעקאַנט.“

דער סולטאַן איז געווען העכסט צופריעדען פון זיין טאָכטער׳ס שילדערונג, און ער האט אנטינאָנוס׳ן רייכליך בעלוינט.

מיט א קורצער צייט שפעטער, האט דער קעניג פון אלגראווע ערפאהרען, אז זיין כלה לעבט, און דאס האט איהם זעהר געפרייט. אנטינאָנוס איז צו איהם ניי־אָהרען אין בעזוך און איהם מיטגעטהיילט, אז זיין שעהנע כלה ווארט נאך אימער אויף איהם.

דער קעניג האט שוין צולייקא׳ן נים געוואָלט פערטרויען אויף פרעמדע הענד, און ער האט אויסגעשטאטעט זיין גאנצע פלאָטע און זיא געקומען נעהמען.

צולייקא האט בעפּאַקט אלעס וואס איהר אלטער פריינד אנטינאָנוס האט זיא געלערנט. און דער קעניג האט מיט איהר געהייראטהעט, אָהנע ער זאָל וויסען וואס עס האט פּאסירט. דער קעניג האט זיא זעהר ליעב געהאט, און זיא איז איהם געווען א געטרייע פרוי.

ע נ ד ע.

נייע ביכער יעצט ערשיענען

דער

סיטיזען

נאכ'ן נייעם געזעץ

פון אלעקסאנדער הארקאווי.

אלע נייע געזעצע וועלכע זיינען אריין אין קראפט דעם 27טען סעפטעמבער 1906 מיט די פארמען פון די אפליקיישיאנס וואס עס דארף געמאכט ווערען אום צו ווערען אבירגער אין די יונייטעד סטייטס.

פרייז 5 סענט.

הערשעלע א ראמאן פון קליינשטעדטעלדיגען לעבען אין רוסלאנד. פון יעקב דינענזאהן, פרייז . . . . 25 סענט.

יאסעלע איין ערצעהלונג פון ישיבה בחור'שען לעבען אין דער ליטא פון יעקב דינענזאהן, פרייז . . . . 15 סענט.

ישראליק דער משוגענער א מייסטערהאפטע קריטיק איבער דיא לעצטע פאגראמען איף יודען אין רוסלאנד, פרייז . . . 10 סענט.

שרעקליכע געהיימניסע א ראמאן וואס איז פול מיט מערקווירדיגע און איבעראשענדע פאסירונגען אונד איז זעהר אינטערעסאנט אונד שפאנענד פון שמ"ר פרייז . . . . 15 סענט.

דער פעדלער א ראמאן פון פעדלערשען לעבען אין אמעריקא פון שמ"ר, פרייז . . . . 15 סענט.

אין שטראם פון רעוואלוציאן א שילדערונג פון דער געגענווערטיגע רעוואלוציאנערע צייט אין רוסלאנד פון מרדכי דאנציס, פרייז 15 סענט.

צו בעקומען בייא אלע בוכהאנדלונגען, און בייא דיא

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85 Canal Street, New York.

— פאלשטענדיגעס —

ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס

ווערטער־בוך

פון אלכסנדר הארקאווי.

אין צוויי טהייל.

ערשטער טהייל ענטהאלט אללע ענגלישע ווערטער נאכ׳ן איי־בי־סי, מיט זייער אויספפראכע און איבערזעטצונג אין אידיש.

צווייטער טהייל ענטהאלט אללע יודישע ווערטער נאכ׳ן אלף־בית מיט דיא איבערזעטצונג אין ענגליש.

ביידע טהיילען זיינען געבונדען אין איין באנד.

פרייז, 3.50

ענגליש־יודישעס האנד־ווערטער־בוך:

פון אלכסנדר הארקאווי.

ענטהאלט כמעט אזוי פיעל ווערטער, וויפיעל דער פאלשטענדיגער ענגליש־יודישעס ווערטער־בוך, מיט דער אויסנאהמע וואס דיא ערקלעהרונגען זיינען אביסעל אבגעקירצט.

פרייז, 1.00

ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס

טאשען־ווערטער־בוך:

פון אלכסנדר הארקאווי.

ענטהאלט אללע ענגלישע ווערטער נאכ׳ן אי־בי־סי, מיט זייער אויספפראכע און איבערזעטצונג אין יודיש, און אללע אידישע ווערטער נאכ׳ן אלף־בית מיט דיא איבערזעטצונג אין ענגליש.

פרייז, אין קלאטה באנד, 65 סענט, אין לעדער באנד, 90 סענט.

קאטאלאג
אונד פרייז־קוראנט

אויפ'ן פידעל שלום עליכם	5
אונגליקליכע אמאליע	2.00
אוריאל אקאסטא	.10
איבער געלד און עהרע	.75
אידישע ביהנע 1טע טהייל, טהעאטער קריטיק	.25
אידישע ביהנע 2טע טהייל, טהעאטער יעדער	.40
אידישע געשיכטע פון פ. וויערניק	.75
אידישע קרבנות	.15
אידישער קאנגרעס אין באזעל	.03
אייז־מעער	.20
אינדיאנער פירסט	.40
אין שטראם פון רעוואלוציאן	.05
אלט־ניילאנד, דר. הערציל	.50
אמעריקאנישע הגדה	.03
אשמדאי	.05
ביטערע נקבה	.25
ביים טהיר פון גן־עדן	.05
בלאנדער יונגער מאנטשיג	.25
בעטלער גרעפין	.40
בערויבטער קבר	.10
ברוך שפינאזא	.20
גאטטהייט	.10
גאלד גרובען פון קאליפארניע	.60
א גאסט פון יענער וועלט	.05
גוטער טייפעל, שמ"ר	.35
גלות מאסקווא	1.50
געבילדעטער מערדער	1.50
געהיימער מארד	.05
געהיימע יודען	.15
געזוכט און געפונען	.60
גערויבטע קינד,	2.00
געריהמטער טרעפער,	.05
געשיכטע פון אמעריקא,	.15
גראספירסט קאנסטאנטין,	1.25
גראף מאנטא קריסטא	.40
גראף עסטע־האזי,	.40

גראף פאטאצקי,	.05
גרעסטער דעטעקטיוו	.10
דאן קיכאט, פון א. הארקאווי,	.75
דאקטאר און צויבערער,	.10
דור הולך ודור בא, א. גאלדפאדען	.25
דער משוגענער פילאזאף, א. גאלדפאדען	.25
דריי פארשווינען,	.05
דרייפוס, פון יאהאן פאליי נויארק,	1.50
הגדה פיר בארדער,	.03
הייראטה פון ד. מ. הערמאלין,	.25
הימעל און וואסער.	.45
היפנאטיזמוס,	.03
המן'ס מפלה,	.03
הע־שעלע, דינעזאהן,	.15
וואשינגטאן, (ערשטער פרעזידענט אין אמעריקא)	.10
וויכנא דוואשא פאהרט אין אמעריקא	.02
וויכנא דוואשע פאהרט פון אמעריקא	.05
וויכנא דוואשע דיא שדכנ'טע	.10
ווילדע מענשען,	.10
אין ווילדען אפריקא	.10
וויעדער אין דער היים, 2טע טהייל פון א רייזע אין אונבעקאנטע געגענדען	.10
א וועלט אהן טרעהרען,	.03
וועלט באנדיטען,	.45
זילבערנע האכצייט	.10
חאדישי סטאווראס,	.10
חכמת היד,	.03
חרם דרבנו גרשם,	.10
טיראן,	1.25
טיראנישע מוטער,	2.00
טערקישער משיח,	.05
טרילבי,	.10
יאסעלע, דינעזאהן	.15
יאקום בעמבע,	.03
יודקע שמערקעס פאהרט נאך אמעריקא	.05
יודקע שמערקעס גליקען אין אמעריקא	.10
יונגער שיפסקאפיטאן, 2טער טהייל, פון אין ווילדען אפריקא,	.10

ישוע הנוצרי, ד. מ. הערמאלין,	.10
ישוע הנוצרי אָדער יוסף פאנדרי,	.10
לא תרצח פון פרענקעל 1טער טהייל,	.10
לא תרצח " " 2טער טהייל,	.15
לא תרצח " " 3טער טהייל,	.15
לא תרצח " " 4טער טהייל,	.15
ליטווישער קעניג פון דיא שנאָרערס,	.25
ליעבע פון ד. מ. הערמאלין,	.10
ליעבע און מיליאָנען,	.45
ליעבע און ראכע,	.75
ליעדער אלבום	.20
לעצטער בלוט שטורץ,	.10
מאדאם באבעטא,	.10
מאדאם יצר הרע,	.15
מאריא מאגדעלענא	.03
מגילת דרייפוס,	.03
מויקים, פון ב. גארין,	.10
מחמד,	.05
מסתרי פאריז,	.60
מעשי בראשית,	.15
משוגענער פילאָזאָף, גאָלדפאדען	.25
נקמה פון א בר־מנן,	.15
נתן דער חכם,	.10
סאפהאָ פון אלפאָנז דאָדע,	.15
סטעמפעניו, פון שלום עליכם,	.15
סיבירישער אייזענבאהן,	.25
עדעלשמאטס געריכטע,	.15
פאוסט פון געהטע,	.10
פאסקארעלא,	.10
פליה מאשין,	.10
פלעווענא,	.25
פסח מאגאזין 100 וויטען,	.10
פעדלער, שמ"ר,	.15
פעטער שמואל, יאפפע	.10
פערלאָרענע שיף,	.50
פראנצויזישע רעוואָלוציאָן,	.25
פרומט פון זינד,	.10
פרייע ליעבע,	.15
פרינצעסין צולייקא,	.10
פרינץ אלם דעטעקטיוו,	.45
פרץ'ס מעשה'לאך,	.05
פרץ'ס שריפטען,	1.50
פתרון חלומות,	.05
צוואנציג אידישע פאָלקס ליעדער פון אליקום צונזער,	.25
צוואנציגסטער יאהר־הונדערט	.10
צווייא פאָרלאָך,	.10
קאָלומבוס,	.03
קאמעליענדאמע, פון דיומאָ,	.30
קארמען דעם טייוועלס טאָכטער,	.05
קיובא,	1.00
קין'ס צואה, א. טאנענבוים,	.15
קליינע מענשעלאך,	.10
קלעאָפאטרע,	1.00
קעטען און קראָנען,	.50
ראָטהשילדס ביאָגראפיע,	.10
ראָמאנען אלבום,	.15
רוסישע געהיימניסע,	2.00
ריעזען,	.10
א רייזע אין אונבעקאנטע געגענדען,	.10
א רייזע ארום דער וועלט אין 80 טעג,	.25
א רייזע אין הימעל,	.10
א רייזע צו זיד פאָל,	.15
רעגינע,	.15
רמב"ם'ס לעבענס בעשרייבונג,	.03
שאילאָק, שעקספיער	.15
שווארצע דיאמענטען,	.15
שווארצע האנד,	.45
שווארצע חברה,	.25
שווארצע קונסט,	.10
שווינדלער,	.10
שטאָדט מסור,	.15
שטארקער פון אייזען,	.85
שטומער בעטלער,	1.25
שטיינערנער מענש, שמ"ר,	.50
שעהנע העלענא,	.05
שפאניש־אמעריקאנישער קריעג,	.40
א שפאציער אין גיהנום,	.03
א שפיצעל פון א פורים שפיעלער,	.03
שרעקליכע געהיימניס, שמ"ר,	.15
תחית המתים, פון גאָרדין,	.03

גראף טאלסטאי'ס ביכער.

איוואן איליטש'עס טויט,	.10
איוואן דער נאר,	.03
איך און מיין מאן,	.10
אננא קארענינא,	,25
טאלסטאי'ס ביאגראפיע,	.03
מיין ווידוי,	.10
מיין פריינד'ס פרויא,	.10
דער נסיון,	.10
פאליקושקא,	.10
דיא פערפיהרונג,	.10
צווייא דורות,	.10
קריעג און פריעדען,	.50
קרייצער סאנאטא,	.10
תחית המתים,	.15

עמיל זאלא'ס ביכער.

בלוטיגע חתונה,	.10
א גלח'ס זינד,	.10
דיא דארפס מיידעל,	.10
ווייבערשער גן־עדן,	.25
זשערמינאל,	.40
דער טויט שלעגער,	.30
ליעבעס נאכט,	.10
לעבען און טויט,	.10
מענשליכע בעסטיעס,	.15
נאנא,	.35
נאנטאס אדער דער געקויפטער מאן,	.10
פערגיפטעטער קוס,	.25
פאריזער דאמען,	.10
פון חופה צום קבר,	.10
פרויען־ליעבע,	.10

אבראמאוויטץ'ס ווערקע.

אלטע מעשה,	.10
דאס ווינש פינגעריל,	.15
דיא טאקסע,	.15
יודעל,	.15
ישראליק דער משוגענער,	.10
פישקע דער קרומער,	.15
דער פריזיוו,	.15
דיא קליאטשע,	.15

קליין מענשלע,	.15
רייזע בעשרייבונג פון בנימין דעם דריטען	.10
שלמה ר' חיים'ס,	.10

גאלדפאדען'ס טהעאטערשטיקע (פיעסען.)

אחשורוש,	.10
באבע מיט'ן אייניקעל,	.10
ביידע קוני לעמעל'ס,	.10
בר כוכבא,	.10
דאקטאר אלמאסאדא,	.10
כשוף מאכערין,	.10
מליץ יושר אדער ר' יאזעלמאן,	.10
קבצנזאהן און הונגערמאן,	.10
שולמית,	.10

שייקעוויטש'ס טהעאטערשטיקע.

דיא קאקעטע דאמען,	.10
דיא שפאנישע אינקוויזיציאן,	.10

וויטצען ביכער.

אמעריקאנישער וויטצלינג,	.05
אנעקדאטען בוך,	.05
הערשעלע אסטראפאליער,	.10
וויטצען אלבום,	.15
וויטצען פון קארט,	.03
חייקיל דער ליץ,	.05
מאטקע חב"ד,	.05
שייקע פייפער,	.05

מעטהאדעס צו לערנען ענגליש.

אלענדארף'ס מעטהאדע מיט'ן שליסעל,	1.25
אמעריקאנישער לעהרער, בראשירט אין טאשען פא־מאט,	.20
אמעריקאנישער לעהרער, געבונדען אין טאשען פארמאט,	.25
דייטש פיר אנפאנגער,	.05
יודיש־אמעריקאנישע שוהלע, געבונדען,	.25
ענגלישער אלף־בית	.05
נייעסטע ענגלישע מעטהאדע בראשירט	,25
נייעסטע ענגלישע מעטהאדע, געבונדען,	.35
ענגלישער לעהר־בוך,	.15
ענגלישער לעהרער, בראשירט,	.30

הארקאווים ענגלישער לעהרער, געבונדען, .40
ענגליש רוסיש מעטהאָדע, געבונדען, .35
גוראק'ס ענגליש־רוסיש מעטהאָדע, .65
קראַניץ'ס מעטהאָדע, .75
תורת לשון אנגלי, א ענגליש־העברע־אישע מעטהאָדע, .25

בריעפענשטעלער.

הארקאווים ענגליש־יודישער בריעפענשטעלער און ספעלער, .30
הארקאווי'ס בריעפענשטעלער געבונדען, .40
ווארן'ס ענגליש־יודישער בריעפענשטעלער, .75
פריינקעל'ס ענגליש־יודישער בריעפענשטעלער, .25
הארקאווי'ס ענגליש־יודישער בריעפענשטעלער, פאָלשטענדיג, 1.00

ווערטער ביכער.

ענגליש־יודישעם און יודיש־ענגלישעם טאַשען ווערטער־בוך, קלאָט באַנד, .65
דיטאָ לעדער באַנד, .90
ענגליש־יודישעס האַנד ווערטער־בוך געבונדען, 1.00
פאָלשטענדיגעם ענגליש־יודישעם ווערטערבוך, געבונדען, 2.25

מעטהאדעס.

דער סיטיזען נאכ'ן נייעם געזעץ, .05
אריטהמעטיק, אָדער רעכען לעהרער, .10
בוכהאלטונג און געשעפטס־פיהרונג, .25
דאָקטאָר בוך, פון דר. לאנדעס, .25
דער לאָיער, לאַנדעס געזעצע, .10

קאָך בוך וויא צו קאָכען און באַקען, .25
קאָנסטיטוציאָן פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען, און דער סיטיזען נאכ'ן נייען געזעץ פון א. הארקאווי, .10
דער עמיגראַנט דיא געזעצע פון איינוואנדערונג, .10
קאשינגס האַנד בוך, מיטינגס געזעצע, .25
קאשינגס האַנד בוך געבונדען, .30
שוואַנגערשאפט און קינדער ערציהונג, .15

מעטהאדעס פיר קינדער צו לערנען פון אנפאנג אלף־בית.

אלף־בית באותיות גדולות מאד, .03
וואַנט אלף־בית, פיר חדרים אויף ליינוואַנד, סייז 44x28 .50
המבין מיט אידישער און ענגלישער איבערזעצונג .15
בית הספר, מיט אידישער און ענגלישער איבערזעצונג, שניידער .35
דברי הימים לעם בני ישראל, געבונדען, 15
שלחן ערוך לבני הנעורים, .15
ההתחלה, הלל מאלאכאָווסקי .10
המתחיל מיט 150 בילדער, געבונדען, .15
הפדגוג העברי מיט ענגלישע איבערזעצונג, געבונדען, .15
למדו היטב פון מ. פיק, .05
למודי הקריאה מיט ענגלישע איבערזעצ. .10
מורה לשון עבר, הלל מאלאכאָווסקי .25
ראשית דעת שפת עבר, קרינסקי .15
שפה חיה מיט 200 בילדער, געבונדען, .15
שפה חיה חלק שני, .25
תולדות ישרון מיט ענגלישע איבערזעצונג, געבונדען, .15

דיעזע אללע ביכער, בראָשורען, מעטהאָדעס און ווערטער ביכער זיינען פאָלשטענדיג גאראַנטירט אז עס פעהלט ניט איין בלאַט, דיא פרייזען זיינען נור פיר יחידים (איינצעלנע קויפערם) בוכענדלער בעקומען א גרויסען ראַבאַט (דיסקאונט).

דיא אללע ראָמאַנען און העפטען זיינען ניט געבונדען, ווען יעמאַנד וויל זיי האָבען געבונדען בערעכענען מיר 5 סענט פיר יעדען בונד פון 10 העפטען און 6 סענט פיר יעדען בונד פון 15 העפטען.

צו בעקומען בייא אללע בוכהענדלער וויא אויך בייא

HEBREW PUBLISHING CO., 83-85 Canal St., New York.